STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10078

DER YIDISHER GEDANK VI A FAKTOR FUN TSIVILIZATSYE

Leon Roth

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל ע אָ ן   ר אָ ט ה

מיטגליד פון דער בריטישער אַקאַדעמיע.

געוו. רעקטאָר פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט.

דער יידישער געדאַנק
ווי אַ פאַקטאָר פון ציוויליזאַציע

איבערגעזעצט פון ענגלישן אָריגינאַל

דורך **משה שענדעריי**

פאָרוואָרט פון

ד"ר **אהרן שטיינבערג**

פון דער **אונעסקאָ**־סעריע

„די ראַסן־פראַגע און דער מאָדערנער געדאַנק"

אַרויסגעגעבן דורכן קולטור־דעפּאַרטאַמענט

פון **יידישן וועלט־קאָנגרעס**

לאָנדאָן — בוענאָס־איירעס, 1956, התשט"ז

342/84

אינהאַלט

		זייט
	פאָרוואָרט	5
I	אַריינפיר	11
II	דער הינטערגרונט	15
III	גרונט־אידעען	31
IV	איייניקע ביישפּילן און אָנווענדונגען	61
V	עפּילאָג	85

פאָרוואָרט

אונדזער „פאָלקס־ביבליאָטעק“ און איר ערשטער בוך אין יידיש

מיט אַ דריי יאָר צוריק האָט דער קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ סעריע שריפטן אונטער דעם כוללדיקן נאָמען „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, מיט דעם צוועק צו פאַרשפּרייטן בכל תפוצות ישראל, און בפרט צווישן אונדזער יינגערן עולם, אַ טיפערע און גענויערע פאַרשטענדעניש פון די פּראָבלעמען פון גייסטיקן לעבן, וואָס שטייען אָדער וואָלטן באַדאַרפט שטיין, אויפן סדר־היום פון דער גאָרער יידישער וועלט. איינער פון די גרונט־געדאַנקען, וואָס ליגן אינעם יסוד פון דעם דאָזיקן פּלאַן, איז די איבערצייגונג, אַז אַלע אונדזערע צעזייטע און צעשפּרייטע ישובים זענען ערבים איינער לגבי דעם אַנדערן און אַז יעטוועדער איינער נייטיקט זיך דריבער אין אַ קלאָרער ידיעה מכוח דעם, וואָס באַוועגט אָדער באַאומרואיקט דעם יידישן גייסט אין דער ווייטער וועלט דרויסן. אַלע יידישע ישובים דאַרפן זיין פאַרבונדן מיט ישראל און מיטאַנאַנד נישט בלויז דורך די זאָרג בנוגע דעם פיזישן קיום פון אונדזער פאָלק, נייערט דווקא און גראד דורך בשותפותדיקע גייסטיקע אינטערעסן.

שטייענדיק אין דינסט פון אָט דער אויפגאַבע און האַבנדיק אין זינען דעם פאַקט פון אונדזער פילשפּראַכיקייט, באַמיט זיך אונדזער קולטור־דעפּאַרטאַמענט אַרויסצוברענגען די „פאָלקס־ביבליאָטעק“ אין די וויכטיקסטע לשונות, וואָס האָבן אַ באַדייטונג אינעם לעבן פון אונדזער וועלט־פאָלק.

די התחלה איז געמאַכט געוואָרן אין ענגלאַנד און פראַנקרייך

— אויף ענגליש און פֿראַנצויזיש; נאָכדעם ווי מאַרק טורקאָוו האָט איבערגענומען דעם קאָנגרעס־אַמט אין אַרגענטינע, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אונטער זיין השגחה די „פֿאָלקס־ביבליאָטעק" אויך אין שפּאַניש און יידיש, און — אחרונה, אחרונה חביבה — גאָר אינגיכן וועט אָנהייבן דערשיינען אַ העברעאישע אויסגאַבע אין ישראל. מיט אָט די פֿינף שפּראַכן איז כמעט געדעקט די גאַנצע יידישע וועלט, אויף אַזוי ווייט ווי מיר האָבן צוטריט צו איר.

עס איז קלאָר, פֿאַרוואָס אַרגענטינע איז דער נאַטירלעכער פּלאַץ פֿאַר אונדזער שפּאַנישן נוסח; אָבער וואָס ווייטער ווערט עס אַלץ קלאָרער, אַז דער אַרגענטינער ישוב מוז ווערן אויך דער וויכטיקסטער אַפּוטרופּס פֿון אונדזערע גייסטיקע אינטערעסן, וואָס געפֿינען זייער אויסדרוק אין יידיש. אינאיינעם מיט אַרגענטינע האָבן אַרגענטינער יידן פֿאַר זיך אַ גרויסע צוקונפֿט, און עס איז נישט משער צו זיין, אַז אָט דער ישוב וועט קענען ווערן אַ צענטראַלער ישוב אין אונדזער וועלט, אויב ער זאָל אָנהייבן פֿאַרלייקענען זיין אייגענעם עבר, זיינע בעיקר מזרח־אייראָפּייאישע וואָרצלען און ס'יידיש לשון, וואָס איז דער האַפּטיקסטער צעמענט אין זיין געבוי. טאָ זאָל די דאָזיקע ערשטע שריפֿט אין דער יידיש־יידישער סעריע פֿון אונדזער „פֿאָלקס־ביבליאָטעק" זיין אַ סימן ברכה פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון יידיש בכלל. זי פֿאַרדינט עס צו זיין.

חיים־אריה־לעאָן ראָטהס שריפֿט האָט אַן אינטערעסאַנטע פֿאָרגעשיכטע. אין יאָר 1952 האָט זיך אונדזער קולטור־דעפּאַרטאַמענט געווענדעט צום סאָציאַל־וויסנשאַפֿטלעכן דעפּאַרטאַמענט פֿון אונעסקאָ מיטן פּראָיעקט, ער זאָל פֿאַרעפֿנטלעכן לשם באַקעמפֿונג פֿון ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם אַ באַזונדער בוך, וואָס דער טראָפּ אין אים זאָל געשטעלט ווערן נישט דערויף, אַז דער אַנטיסעמיטישער גייסט איז אַ נעגאַטיווע דערשיינונג, נאָר אויף דעם, אַז דער יידישער גייסט איז אַ דערשיינונג, וואָס איז פּאָזיטיוו. מען האָט אונדזער פֿאָרשלאַג אָנגענומען און אונדז געבעטן צו געפֿינען אַ פּאַסיקן אויטאָר און צושטעלן זיין מאַנוסקריפּט. ביידע זאַכן האָבן אָפּגעגאָלטן, און אין 1954 האָט אונעסקאָ פֿאַרעפֿנטלעכט ראָטהס „יידישן געדאַנק" אין ענגלישן אָריגינאַל ווי אויך אין אַ פֿראַנצוי־

זישער און שפּאַנישער איבערזעצונג. ביז איצט זענען זיך פונאַנ־ דערגעגאַנגען מער ווי צוועלף טויזנט עקזעמפּלאַרן פון די דריי נוסחאות. בעת מיר האָבן אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט אור־ נעסקאָ, האָבן מיר געמאַכט אַ תנאי, אַז אונדזער קולטור־דעפּאַר־ טאַמענט וועט האָבן דאָס רעכט אַליין צו דרוקן אַן איבערזעצונג אויף יידיש (אַחוץ דעם ווערן געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ העברעאישער איבערזעצונג). אָט מיט דעם רעכט באַנוצט זיך איצט אונדזער „פאָלקס־ביבליאָטעק".

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די יידישע איבערזעצונג פון משה שענדעריי וועט נושא־חן זיין ביי אונדזערע לייענער נישט ווייניקער ווי עס האָבן אויסגענומען די אַנדער־שפּראַכיקע נוסחאות ביי די טויזנטער און טויזנטער, וואָס האָבן זיך ביז איצט אין זיי פאַרטיפט. אין פלוג קען מען מיינען, אַז אַ יידישער מענטש ווייס בעסער איידער די בני־אומות־העולם, וואָס דער מהות פון דער יידי־ שער מחשבה איז און וואָס די וועלט האָט איר צו פאַרדאַנקען. צו אונדזער טיפסטן באַדויערן ווייסן מיר אין אונדזער קולטור־דעפּאַר־ טאַמענט, אַז די מעשה איז נישט אַזוי. עס איז באמת איינע פון אונדזערע גרעסטע וועלט־צרות, וואָס מיר אַליין הייבן אָן צו פאַר־ געסן אונדזער גייסטיקן יחוס, באַזונדערס ווען עס רעדט זיך וועגן יוגנט. מיר ווייסן אַלע, אַז יידנטום איז אַלט; מיינען פיל צווישן אונדז, אַז דעריבער איז עס פאַרעלטערט. באַווייזט אונדזער פּראָ־ פעסאָר ראָטה דער וועלט, און אגב אורחא אונדז אַליין, אַז גראָד איצט, גראָד אין דער היינטיקער וועלט ווי זי איז, באַקומט דער יידישער געדאַנק און זיין הויפּט־מקור, דער תנ"ך, פונקט ווי אַלץ, וואָס איז אויפגעבויט אויף אים, אַ פרישע לעבנס־קראַפט און אַ באַרעכטיקונג אפשר אַ גרעסערע ווי ווען נישט איז פריער. גע־ שאַפן אויף טיף פאַרגרונטעוועטע יסודות פון יידישן און אַלמענטש־ לעבן ווישן, איז די דאָזיקע שריפט, וואָס איז מסוגל צו אַנטפּלעקן פאַר דער נשמה פון אַ יידן אירע אייגענע טיפענישן, איינצייטיק אַ וואָרעמהאַרציקער „אני מאמין" פון אַן אָריגינעלן דענקער.

דאָס איז פּראָפעסאָר ראָטה. געבוירן און אויסגעהאָדעוועט אין ענגלאַנד, האָט ער זיך גאָר פרי אָנגעהויבן אָפּגעבן הן מיט

חכמת ישראל, הן מיט חכמת יוון. דער יונגער פילאָזאָף איז לכת־חילה געוואָרן דאָצענט אין מאַנטשעסטערער אוניווערזיטעט און האָט דערנאָך דריי און צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד פאַרנומען דעם לערנשטול פון פילאָזאָפיע אויפן נאָמען פון אחד־העם אין ירוי־שלימער אוניווערזיטעט. אין די מלחמה־יאָרן האָט מען אים אויס־געקליבן פאַר אַ רעקטאָר. אין דער לאַנגער שורה פון זיינע ביכער פאַרנעמט אַ מקום בראש זיין בוך וועגן רמב״ם, און וואָס ער זאָל נישט שרייבן, צי אין העברעאיש, צי אין ענגליש, פאַרדינט ער שטענדיק צו טראָגן אויף זיך דעם ערן־טיטל פון דעם פאַרצייטיקן אברבנאל: „לעאָן העברעוס״.

עס איז פאַרן קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון יידישן וועלט־קאָנ־גרעס אַ דרייפאַכע שמחה, אָנצוהייבן אַ נייע סעריע פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק״ מיט אַ שריפט, וואָס האָט די ברכה פון אוי־נעסקאָ, דער „אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער פאַר דערציאונג, וויסנשאַפט און קולטור״, וואָס דערשיינט אין אונדזער ליבן יידיש, און וואָס איר פאַרפאַסער איז לעאָן ראָטה.

אהרן שטיינבערג

לאָנדאָן, ל״ג בעומר, התשט״ז.

דער יידישער געדאַנק
ווי אַ פאַקטאָר פון ציוויליזאַציע

ו אַ ר י י נ פ י ר

1) די מערהייט פון די קאָנסטרוקטיווע אידעען אויף וועלכע עס באַזירט זיך די מאָדערנע מערב־ציוויליזאַציע ווערן בדרך־כלל צוגעשריבן צו יידן, גריכן און רוימער: מאָראַל און רעליגיע צו יידן, וויסנשאַפט, פּלאַסטישע און ליטעראַרישע קונסט צו גריכנלאַנד, רעכט און רעגירונג צו רוים. אויב דאָס זאָל זיין אמת, איז עס נאָר בערך. קיין ציוויליזאַציע קאָן נישט עקזיסטירן אָן אַ געוויסער מאָס פון יעדער איינער פון אָט די דריי אויסגערעכנטע אַקטיוויטעטן. גריכנלאַנד און רוים האָבן געהאַט רעליגיע און אַ סך פון אָט דער רעליגיע האָט זיך דערהאַלטן ביז צום היינטיקן טאָג; פונקט אַזוי האָבן יידן און גריכן געלאָזט בירושה רעכט. געוויס, רעליגיע און קונסט און רעכט און וויסנשאַפט דערשיינען אומעטום (ווען אפילו אין פאַרשיידענע מדרגות) צוזאַמען. חוץ דעם, איז פאַראַן אין מאָדערנער ציוויליזאַציע עטוואָס וואָס איז אין איר איינציק און אָריגינעל, און דאָרט וו די „ירושה" פון עבר איז מער מערקבאַר, איז זי שטאַרק געענדערט געוואָרן אין דעם אופן ווי זי ווערט באַנוצט.

דערפאַר וועט דער דאָזיקער עסיי נישט מאַנען קיין אויסשליסלעכקייטן, און אפילו נישט קיין פּרעעמינענץ. ער וועט זוכן פאַרצושטעלן דעם יידישן געדאַנק ווי אַ געשלאָסענעם סיסטעם פון אידעען; אָבער ער וועט שטענדיק האָבן אין זינען דעם פאַקט, אַז וואָס די אידעען זענען ריכטיקער, אַלץ מער קאָן מען דערוואַרטן אַז זיי זאָלן דערשיינען אויך ערגעץ אַנדערשוווּ. דער עסיי וועט אויך נישט צופיל באַטאָנען די שייכות צווישן יידישן געדאַנק און די מענטשן, וואָס זענען באַקאַנט אַלס יידן. אין אַ געוויסן זינען זענען מילטאָנס „פּאַרלאָרענער גן־עדן", אָדער הענדעלס „משיח", אָדער בלייקס „אילוסטראַציעס פון איוב־בוך" — יידיש, ווען אפילו זייערע מחברים זענען קיין יידן נישט געווען. מען מעג באַטאָנען די שייכות פון מאַטעמאַטישן געדאַנקען־גאַנג מיט די ערשטע אינספּי־

ראַציעס, וואָס זענען געקומען פון גריכנלאַנד, אָדער די רוימישע ווען מיט זייערע ערשטע בויער, די רוימער. אָבער רוימישע וועגן זענען גע־בויט געוואָרן נישט נאָר פון רוימישע בירגער, און דער מאַטעמאַטישער געדאַנקען־גאַנג, וועז אפילו געבראַכט אויף דער וועלט מיט און דורך די גריכן, און בלייבנדיק ווי מעגלעך טריי זיין גריכישן טיפ, האָט פּראָדוצירט רעזולטאַטן, וואָס שטייגן ווייט אַריבער די גריכישע דערגרייכונגען. דאָ קאָן אָנגעווענדעט ווערן אַן אַלטער תלמודישער מאמר. די חז״ל האָבן געפרעגט: פאַרוואָס איז עפּעס די תורה געגעבן געוואָרן אין מדבר? און זיי האָבן גע־ענטפערט: בכדי קיין לאַנד זאָל נישט קאָנען פאָדערן אויף איר קיין אייגנ־טום־רעכט.

2) דאָס איז ריכטיק אין באַצוג צו יעדן מין אידעען, זיי זענען אוי־ניווערסאַל לויט זייער נאַטור. זיי אַנטשטייען, לויט מען איז זיך עס משער, אין איינצלנע פּערזאָנען און ווערן אַנטוויקלט דורך געמיינשאַפטן. אָבער צו ריידן וועגן זיי בלויז אין באַצוג צו איין פּערזאָן, אָדער איין געמיינ־שאַפט, מיינט צו פעלשן זייער אייגנטלעכן כאַראַקטער. אדרבא, וואָס אַל־געמיינער זיי זענען, אַלץ שטאַרקער קומט צום אויסדרוק זייער אייגנשאַפט אַלס אידעען.

נאָך מער, זיי קאָנען באַשריבן ווערן בלויז ביז צו אַ געוויסן פּונקט. זיי קאָנען קיינמאָל נישט באַשריבן ווערן אויסשעפּלעך. זיי זענען נאָר דאָס וואָס זיי קאָנען זיין, און דאָס קאָן נישט באַוווסט ווערן, סיידן זיי זענען שוין פאַראַן. זיי קאָנען פאַרבאַהאַלטן אין זיך אין איין צייט דאָס, וואָס וועט ערשט דערשיינען אין אַ צווייטער צייט, ווייל אידעען זע־נען נישט קיין טויטע קעגנשטאַנדן; זיי לעבן, און זייער לעבן געהערט בלויז זיי. צייטנווייז קאָן זיך דוכטן אַז זיי זענען טויט אָדער איינגע־שלאָפן, אָבער דאָס אָפּגעשטעלטע לעבן קומט צוריק, דאָס שלאָפנדיקע דערוואַכט, ווי די טרוקענע ביינער פון נביא יחזקאל׳ס וויזיע; זיי קאָנען נאָכאַמאָל אָנהייבן אָטעמען, אויפשטיין תחית המתים.

3) ווי יעדער לעבעדיקער וועזן, זענען אידעען אַקטיוו. זיי זענען נישט קיין פּוסטע ווערטער וואָס מען קאָן מאַניפּולירן ווי עס איז לויבבאַר: מען קאָן דעריבער זאָגן, אַז זיי מאַניפּולירן מיט אונדז. זיי זענען אָנגע־

לאָדן מיט אַן אייגענער ענערגיע. זיי באַזיצן אַן אייגענעם כוח, אָדער ווערן באַהערשט פון אים. דערפאַר קאָן מען נישט פאָרויסזאָגן זייער ווירקונג. ווי צופעליק זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין דעם ים פון פאַסירונגען, קאָנען זיי שאַפן אַ ווירבל־שטראָם, וואָס האָט נישט געקאָנט פאָרויסגעזען ווערן.

צו די דאָזיקע אַריינפיר־באַטראַכטונגען קאָנען מיר צוגעבן נאָך איין פּרעלימינערן געדאַנק: ווי יעדע אָרגאַנישע דערשיינונג, באַווייזן זיך אי־דעען אין פאַרשיידענע מדרגות פון אַנטוויקלונג. אָבער די דאָזיקע מדרגות קאָנען מיר אָפּשאַצן בלויז ביים ליכט פון דעם גאַנצן און פולן. נאָר דער שלימותדיקער רעזולטאַט גיט אונדז דעם שליסל צו באַגרייפן און אויס־טייטשן דאָס נישט־שלימותדיקע.

4) דערפאַר, ווען מיר וועלןריידן פון די אידעען הינטער דעם יידישן געדאַנק, וועלן מיר באַהאַנדלען בלויז זייער העכסטע אַנטוויקלונג. עס איז פאַרשטענדלעך אַז בלויז ווייניקע מענטשן און געדאַנקען האָבן דאָס גליק צו דערגרייכן און אָנהאַלטן אַ פולן זעלבסט־אויסדרוק. אָבער ווי מיר זאָלן נישט באַטראַכטן מענטשן, מוזן אידעען גענומען ווערן און באַטראַכט ווערן אין זייערע בעסטע אויסדרוקן. די יידישע נביאים האָבן געטרוימט פון וועלט־שלום און האָבן באַקליידעט זייערע וויזיעס מיט אַ שפּראַך וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן. די אידעע פאַרבלייבט, כאָטש אייניקע נביאים שיינען צו האָבן זי פאַרגעסן אין געוויסע שטעלן. וועלן מיר דערפאַר קענען פאַרקוקן אַ סך וואָס איז, מעגלעך, נישט פּער־פעקט און צושמידן אונדזער בליק בלויז צו די העכסטע שפּיצן.

II דער הינטערגרונט

יעדער איינער פון די גרויסע פעלקער, אויף וועלכע עס איז באַגרינ־דעט, ווי עס איז אָנגענומען, די מערב־ציוויליזאַציע, האָט געהאַט אַ באַ־זונדער באַגריף וועגן זיך זעלבסט און וועגן זיינע באַציאונגען מיט אַנ־דערע פעלקער. די גריכן האָבן זיך באַטראַכט ווי די מייסטערס פון פיין־געשליפענעם לשון, לגבי די נישט־ציוויליזירטע באַרבאַרן וואָס האָבן בלויז געקאָנט אַרויסברענגען נישט־אַרטיקולירטע קלאַנגען. די רוימער, וואָס האָבן קונסט און וויסנשאַפט איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע, האָבן באַגריפן זייער מיסיע אין דער אימפעריע: רעגירן די פעלקער. די יידן, שטאַרק באַוווסטזיניק וועגן גאָט און זיין ווירקונג אויף מענטשן, האָבן זיך באַ־טראַכט ווי די פאַרגיינער פון געצנדינסט.

אָט דער באַגריף איז איינגעשלאָסן, לויט דער טראַדיציאָנעלער עטי־מאָלאָגיע, אין דעם עצם וואָרט עברים (העברעער), וואָס איז אַ צווייטער נאָמען פאַר יידן. און, בכדי אָפּצושאַצן זיין פולן ווערט, איז כדאי צו באַ־ציען זיך צו דעם, וואָס יידן דערציילן וועגן זיך זעלבסט, אַזוי ווי עס איז פאַרצייכנט אין תנ״ך. די דערציילונג מעג זיך אפשר נישט זיין קיין ריכ־טיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס עס איז זיך ווירקלעך פאַרלאָפן, אָבער דאָס שאַדט נישט, ווייל עס זענען אַזעלכע פאָלקס „מעשיות" (מיטאָסן), אין וועלכע דער כאַראַקטער און אַספּיראַציעס פון אַ פאָלק ווערן אַמטיפסטן און אמתדיקסטן אָפּגעשפּיגלט. אָבער מיר מוזן זיין געהיט נאָכצופאָלגן די דערציילונג אין איר טראַדיציאָנעלער פאָרעם, נישט אין דער וואָס קען אַרויסקומען אַלס רעזולטאַט פון קריטישע באַטראַכטונגען. די טראַדיציאָ־נעלע דערציילונג וועט אונדז העלפן צו באַגרייפן דעם אָביעקט פון אונדזער פאָרשונג, דעם ספּעציעלן כאַראַקטער פון דעם יידישן דענקען וועגן דער וועלט. די קריטישע ווערסיע פון דער דערציילונג וואָלט אונדז נאָר דער־לויבט צו פאַרשטיין די קריטיקער.

2) לויט דער טראַדיציאָנעלער דערציילונג, זענען די יידן (יהודים) די מענטשן פון שבט יהודה, און יהודה איז געווען דער זון פון ישראל־יעקב, אַ זון פון יצחק, וואָס איז געווען אַ זון פון אברהם. אברהם שטאַמט פון אַ פאַמיליע וואָס האָט געלעבט „אויף יענער זייט טייך"; אין העברע־איש: עבר הנהר, און אָט פון דעם וואָרט עבר שטאַמט, לויט דער טראַדיציע, דער צווייטער נאָמען פון די יידן — עברים.

די יידן, אָדער עברים, זענען, אַלזאָ, די, וואָס זענען געקומען פון יע־נער זייט טייך, און געקומען זענען זיי צוליב אַ סיבה, וואָס זיצט טיף אין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און איז געוואָרן פאַר זיי דער סימבאָל פון זייער עצם זיין. תרח, דער פאָטער פון אברהם, איז געווען אַ געצנדינער. ער האָט געדינט „אַנדערע געטער". און אברהם פאַרלאָזט, לויט גאָטס באַפעל, זיין פאַמיליע און היים פון יענער זייט טייך, בכדי צו קאָנען דינען דעם איינ־ציקן אמתן גאָט. אויף אַזאַ אופן, שטעלט מיט זיך אברהם פאָר, אין באַוווסטזיין פון יידישן פאָלק, אַ נייע ווענדונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ער איז „אויסדערוויילט" און אויסדערוויילט מיט אַן אַבזיכט. ער איז באַשטימט צו ווערן אַ „פאָטער פון אַ סך פעלקער". ער איז דער פריינט פון גאָט, וואָס האָט אים אַרויסגענומען פון זיין אַלטער סביבה און איבערגעפירט אין אַ ניי לאַנד, בכדי ער זאָל גרינדן אַ נייע פאַמיליע, אַ ניי פאָלק, מיט אַ נייעם לעבנסוועג, וואָס דאַרף ברענגען צו אַ באַנייאונג, אַ ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט.

די אוניווערסאַלע באַדייטונג פון אָט דעם אַקט ווערט גלייך באַטאָנט. אברהם איז באַשטימט צו זיין אַ ברכה פאַר אַלע משפחות פון דער ערד. אָבער די שוועריקייטן זענען געווען גרויס און האָבן נישט געקאָנט באַזיי־טיקט ווערן בלויז דורך דער מעכאַנישער אָנווענדונג פון דעם ירושה־פּרינ־ציפּ. אברהמס בכור ווערט דערווייטערט לטובת יצחקן, יצחקס בכור ווערט דערווייטערט לטובת יעקבן (שפּעטער גערופן ישראל), בשעת צווישן יעקבס 12 זין, ווערן די עלטסטע אָפּגעפרעגט אָדער ווי די שוואַכע אָדער ווי כעסנים און פאַרברעכערישע מענטשן. די פירערשאַפט גייט אַרי־בער צו יהודה (פון וועמענס נאָמען עס שטאַמט דאָס וואָרט יהודים — יידן); און די קינדער פון ישראל פאָרן אַריבער קיין מצרים.

אָבער אויך דאָרט מוז געמאַכט ווערן אַ נייע התחלה. מצרים איז דאָס הויז פון שקלאַפעריי און די קינדער פון ישראל ווערן פאַרשקלאַפט. אָבער זיי ווערן אַרויסגעפירט פון דאָרט „אין אַ נייער הויז פון פרייהייט", און דער בונד מיט זייערע עלטערן ווערט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט. אָבער דאָס מאָל ווערט שוין דער בונד נישט געמאַכט מיט א יי ן מענטשן, און ווער עס מאַכט דעם בונד איז שוין מער נישט קיין לאָקאַלע אָדער פאַמיליערע גאָטהייט. די „גאַנצע וועלט" ווערט דערקלערט ווי גאָטס נחלה, אין וועל־כער די קינדער פון ישראל דאַרפן זיין אַ „קעניגרייך פון פריסטער (כהנים) און אַ הייליק פאָלק".

3) די וועלטלעכע געשיכטע פון יידישן פאָלק הייבט זיך אָן אויסצו־פורימען מיט דוד המלך און זיין זון שלמה, און נאָך פאַרשיידענע פאַר־פאַלן ווערט זי אָפּגעהאַקט מיט דער צעשטערונג פון צווייטן בית־המקדש אין יאָר זיבעציק פון דער אַלגעמיינער ערא. זינט דאַן לעבן מער נישט די יידן ווי אַ פּאָליטישע נאַציע מיט אַן אייגן לאַנד, נאָר בלויז ווי באַזונ־דערע געמיינשאַפטן, מיט אַ ברייטערער אָדער שמאָלערער זעלבסטפאַר־וואַלטונג, צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, און אָפּגעזונדערט פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, דורך פאַרשיידענע, אָפטמאָל גע־ענדערטע, קען־צייכנס. פון די דאָזיקע צייכנס זענען די וויכטיקסטע: רע־ליגיע, אינערלעכע אָרגאַניזירטקייט, סאָציאַלע פירונגען און צייטנווייז — שפּראַך. נישט זעלטן האָבן מיטגלידער פון אָט־די געמיינשאַפטן דער־גרייכט באַמערקט צו ווערן פון דער וועלט: פילאָן, בן־גבירול, רמב"ם, שפּינאָזאַ; אָדער, אין די מאָדערנע צייטן: מענדעלסאָן, היינע, ריקאַרדאָ, ד'איזראַעלי, קאַרל מאַרקס. פון די טאָן־געבער אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון לויפנדיקן יאָרהונדערט קאָן מען לייכט דערמאָנען די נעמען פון בערג־סאָן, הוסערל, דיורקהעז, פרויד און איינשטיין. עס וועט אָבער זיין שווער פעסטצושטעלן ביז וואָס פאַר אַ גראַד, אָדער צי זענען די דאָזיקע דענ־קער בכלל באַווירקט געוואָרן אין זייער אינספּיראַציע פון דעם אַלטן בונד צווישן גאָט און יידנטום, און אָט אויף דעם פונקט האָבן מיר זיך ספּע־ציעל אָפּצושטעלן.

4) דער אַלטער בונד, וואָס איז מערערע מאָל באַשטעטיקט גע־

וואָרן — מען דאַרף געדענקען אַז מיר גייען אין די פוסטריט פון דער ביבלישער דערציילונג — האָט אַלעמאָל דעם זעלביקן אינהאַלט. עס איז די דערקלערונג, דאָס אָננעמען, פון דער סוווערעניטעט פון ג׳, און די פאַרפליכטונג צו פאַרלאָזן איין לעבנסוועג און גיין אויף אַ צווייטן. די ווערטער זענען כמעט די זעלביקע: „ווי די מעשים פון דעם לאַנד מצרים, ווו איר האָט געוווינט, זאָלט איר נ י ש ט   ט אָ ן; און ווי די מעשים פון דעם לאַנד כנען, וווהין איך ברענג אייך אַריין, זאָלט איר נ י ש ט ט אָ ן. מ יי נ ע מצוות זאָלט איר טאָן, און מ יי נ ע געזעצן זאָלט איר היטן״. דאָס אָפּוואַרפן געצנדינסט באַקומט אַזוי אַרום אַ קלאָרן און שטאַרק־פּאָזיטיוון מיין. עס איז נישט קיין טעאָרעטישע דאָקטרינע וועגן וועלט־באַשאַף, אָדער וועגן די כוחות, וואָס קאָנטראָלירן דעם אוניווערס. עס איז אַ פּראַקטיש אָפּוואַרפן פון אַ לעבנס־שטייגער וואָס ווערט דערקלערט ווי עקלהאַפט און אָפּשיילעד.

5) דער נייער לעבנס־דרך איז נישט קיין געהיימניש. עס איז נישט קיין פּריסטער־קולט אָדער אַ פּיטאַגאָרישער געזעץ פאַר יחידי סגולה. עס איז אויך נישט קיין דאָקטרינע מיט פאַרשיידענע מיין־שאַטירונגען, צוגעפּאַסט דורך עסאָטערישע פאָרמולעס צו די פאַרשיידענע מדרגות פון פאַרשטאַנד. אין מהות איז עס זייער איינפאַך: „צו טאָן גערעכטיקייט און געזעצלעכקייט״, צו האָבן „ריינע הענט און אַ ריין האַרץ״; צו „האַנדלען גערעכט, ליב האָבן גענאַד און האַלטן זיך באַשיידן מיט גאָט״. אָבער פונקט ווי עס איז התלהבותדיק אין דער באַטאָנונג פון דעם, וואָס איז אנערקענט אַלס גוט, פונקט אַזוי איז עס קאָמפּראָמיסלאָז אין פאַרדאַמען דאָס, וואָס איז באַקאַנט אַלס שלעכט: סעקסועלע אָפּשיילעכקייטן, מענטשן־קרבנות, ברעכן טרייהייט, „צעמאָלן דעם פּנים״ פון אָרעמאַן. די לערע קומט דורך פאַרשיידענע וועגן, אָבער איר אינהאַלט איז נישט אַנדערש ווען זי קומט פון דעם געזעצגעבער, אָדער נביא, תהילים־זינגער, כראָניקער, אָדער פּריסטער (כהן). עס זענען אַלעמאָל קלאָרע דבורים אָן מיסטעריעס און מעטאַפאָרן. עס איז נישט קיין עצה אָדער אָנווייזונג און רוף צו פאַרזיכט, עס איז באַפעל: „אַזוי זאָגט ג׳״.

די איינפאַכקייט איז עלעמענטאַל. דער ערשטער רוצח ווערט באַטראַכט ווי אַ פאַרטריבענער פון דער ערד דורך דער ערד גופא. די איינוווינער פון כנען ווערן פאַר זייערע אָפשיילעכע פירונגען „אויסגעשפיגן" פון זייער לאַנד. פאַראַן מעשים וואָס זענען נישט נאַטירלעך, און די שטראָף פאַר די אומנאַטירלעכע מעשים איז אַרויסגעשטויסן צו ווערן פון דער נאַטור, דורך דער נאַטור גופא.

אויף אַזאַ אופן איז דער ריכטיקער לעבנסוועג נישט ווילקיר אָדער קאָנווענציאַליטעט. ער איז איינגעשלאָסן אין עצם־באַשאַף פון פיזישן אוניווערז. ער האָט זיינע וואָרצלען טיף אין דער עצם נאַטור פון זאַכן און פאָדערט אויסגעפאָלגט צו ווערן פון אַלע קינדער פון דער ערד.

6) דער תנ"ך הייבט זיך נישט אָן מיט די יידן. ער הייבט זיך אָן מיטן וועלט־באַשאַף און דער דערציילונג וועגן אדם הראשון. אין העברעאיש מיינט דאָס וואָרט „אדם" פשוט — מענטש, און די חז"ל טייטשן אויס דעם פסוק א׳, פון פינפטן קאַפּיטל פון ספר בראשית, אַזוי: „דאָס איז דאָס געשיכטע־בוך פון די דורות פון מ ע נ ט ש ן"; עס זאָגט זיך נישט פון כהן, לוי, אָדער ישראל, נאָר פון מ ע נ ט ש ן. די איינוווינער פון דער ערד ווערן באַטראַכט ווי איין משפּחה: זיי האָבן איין פאָרגייער, וואָס איז דער פאָטער פון אַלעמען. אין דער נאַטור איז נישט פאַראַן עטוואָס אַזעלכעס ווי קאַסטעס אָדער קלאַסן, נישטאָ קיין אונטערשיידן פון בלוט אָדער פון אָפּשטאַם. מענטשלעכע גלייכהייט איז אויף אַזאַ אופן אַן אורשפּרינגלעכער פאַקט: דער יחוס פון אַלע מענטשן איז דער זעלביקער. און לאָמיר נאָכאַמאָל ציטירן די חז"ל: „פאַרוואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן איינער"? — „בכדי קיין מענטש זאָל נישט קענען זאָגן צו אַ צווייטן: מיין פאָטער איז פון גרעסערן יחוס ווי דיינער".

וואָס איז איז ריכטיק אין באַצוג צום מענטשן אַלס אינדיווידואום, איז אויך אמת אין באַצוג צו פאַמיליעס, און פאַמיליעס פון פאַמיליעס (פעלקער), צו וועלכע זיי באַלאַנגען. די ראַסן, נאַציעס און פעלקער ווערן אַלע באַטראַכט ווי צווייגן פון איין גענעאַלאָגישן שטאַם, זיי זענען „די פאַמיליעס פון דער ערד", אַלע פון איין אָפּשטאַם און פאַרבונדן צווישן זיך.

די פאַמיליע־סטרוקטור איז אַזוי פאַרשפּרייט איבעראַל. דאָס מענטשלעכע לעבן איז אין מהות געזעלשאַפטלעך; עס ווערט געלעבט אין געמיינשאַפטן און וואַרפט אָפּ די אַנאַרכיע, ווען „יעדער מענטש טוט וואָס עס איז ווילגעפעלן אין זיינע אויגן".

7) דער ריכטיקער לעבנסוועג ווערט באַגריפן ווי אַ דעטאַל פון דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון ליבהאָבן גאָט, און דורך דעם ווערט אויסגע־מיטן, אַז די ליבע צו גאָט זאָל בלייבן אַ פּוסטע פאָרמול אָדער אַן אַבס־טראַקציע. די ליבע צו גאָט ווערט פון אַן אמונה־פּרינציפּ קאָנקרעטיזירט אין אַ לעבנס־מעטאָד און שטייגער פון אויפפירונג. אַלס אַזעלכער קען עס אויך געלערנט ווערן צו אַנדערע. עס דאַרף דערפאַר עקספּאָנירט ווערן געלעגנהייטלעך אין דער עפנטלעכקייט, און עס דאַרף זיין אַ שטענדיקער אָביעקט פאַר לערנען און טראַכטן: „לערנט עס צו אייערע קינדער מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט, שמועסט וועגן דעם ווען איר זיצט אין הויז, ווען איר גייט אין וועג, איידער איר גייט שלאָפן און באַלד ווי איר שטייט אויף... בינדט עס אָן ווי אַ צייכן אויף אייער אָרעם און אויף אייער שטערן... שרייבט עס אָן אויף די ביישטידלעך פון אייערע הייזער און טויערן פון אייערע שטעט". אַזוי אַרום ווערט בילדונג — ס'הייסט דאָס איינשאַפן זיך אין פאַרשפּרייטונג פון וויסן — אַ לעבנס־עלעמענט אין רעליגיעזן לעבן. רעליגיע ווערט באַגריפן ווי אַן אופן פון איבערגיין פון דענקען און פילן צו אַן איינהייטלעכער טעאָריע און פּראַקטיק. עס איז אַ צוזאַמענשמעלצונג פון וויסן, טאַט און ליבע. דאָס וויסן גייט פאָרויס דער ליבע און לאָזט זיך אויס אין טאַט.

8) כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידישע הייליקע ביכער איז דער פאַקט וואָס יידן ווערן אין זיי נישט פאַרגעשטעלט ווי פּערפעקט. להיפך, סיי אַלס אַ פאָלק, סיי אַלס פּערזאָנען ווערן זיי געוויזן ווי אַזעלכע, וואָס נויטיקן זיך באַזונדער אין דערציאונג, אין וואָס זיי זעען די הויפּטזאַכ־לעכע פאַרבערייטונג צו רעליגיע. פון דאַנען שטאַמט עס וואָס אין תנ"ך זענען פאַרבליבן אייניקע רודימענטן פון נאָך רויע נישט־אַנטוויקלטע אידעען. די ביישפּילן זענען בכיון פאַרגעדענקט געוואָרן און זענען גוט באַוווסט. ווען יעקב נאַרט אָפּ זיין בלינדן פאָטער, באַווייזט ער זיך (לויט

ווי עס דוכט זיך) אַלס אַ שווינדלער; ווען דוד מעסט אויס צוויי דריטל פון די מואבים און הרגעט זיי אויס, האַנדלט ער ווי אַ באַרבאַר. די אַזוי גערופענע שטראָף־מזמורים פון תהילים וואָלטן געקאָנט געשאַפן ווערן פון אַ פראָפּאַגאַנדיסט אַ הימנען־שרייבער אויך אין אונדזערע צייטן.

דאָס אַלץ איז באַקאַנט און דאַרף נישט ספּעציעל באַטאָנט ווערן. אַזוי זענען געווען די אָנגענומענע מנהגים פון יענע צייטן. אָבער וואָס עס איז יאָ מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אין קעגנזאַץ צו דעם אַלעמען גע־פינען מיר אַ ספּעציפישע לערע פון גאָר אַן אַנדערן און העכערן ניוואָ, און אַז דער דאָזיקער העכערער ניוואָ ווערט פאַרצייכנט און אָנגעמערקט ווי אַזעלכער.

אויב מיר האָבן אַריבערגעשטיגן געוויסע ביבלישע ביישפּילן איז עס אַ דאַנק דער ביבל זעלבסט. צום ביישפּיל: אברהם ווערט געמאָלן ווי איי־נער וואָס לערנט העכערע מאָראַל דעם כביכול גופא. דער אומשולדיקער טאָר נישט אומגעבראַכט ווערן צוזאַמען מיטן שולדיקן. אין אַן אַנדער פאַל באַשולדיקט דער תנ״ך גופא דוד המלך אַלס אַ בלוטיקן מאַן, און עס איז פיל באַדייטנדיק וואָס עס ווערט אים צוגעשריבן אַ תשובה־מזמור, וואָס איז געוואָרן קלאַסיש אין רעליגיע. עס איז אויך נישט וויכטיק וואָס אין זיין צוואה צו זיין זון שלמה שיינט דוד זיך צו האָבן אומגעקערט צו זיינע אַמאָליקע דרכים. פאַר דער טראַדיציע בלייבט ער דער אַנער־קענטער הויפּט־מקור פון גאָר אַן אַנדער בליק אויפן לעבן: „שאַף אין מיר אַ ריין האַרץ, מיין גאָט, און אַ גייסט פון רעכטפאַרטיקייט באַשאַף אין מיר. דער אמתער קרבן צו גאָט, איז אַ צעבראָכן האַרץ. גאָט וועט נישט גרינגשעצן קיין צעבראָכן טרויעריק האַרץ״.

איך באַטאָן די ווערטער „לויט דער טראַדיציע״, ווייל וואָס עס אינ־טערעסירט דאָ, איז די טראַדיציע. די פיינפולע פּינקטלעכקייטן פון דער היסטאָרישער קריטיק זענען אוודאי וויכטיק אין זייער אייגענער ספערע, אָבער זיי האָבן ווייניק באַדייטונג אויסער איר: דאָס קאַפּיטל תהלים איז באַצייכנט: „צו דודן, ווען נתן הנביא איז געקומען צו אים, נאָך דעם ווי ער איז געקומען צו בת־שבע״. מיר ווערן בכיון געמאַכט אויפמערקזאַם

אויף אַ גרויסער זינד; און כאָטש די דערציילונג איז גוט באַקאַנט איז כדאי צו באַטראַכטן זי דאָ אין קורצן, צוליב איר נאָענטער שייכות צו אונדזער ענין.

בכדי צו קאָנען באַקומען בת־שבע, האָט דוד געמאַכט אַז איר מאַן זאָל געטויט ווערן. דער מעטאָד, וואָס קאָן גאָר נישט באַטראַכט ווערן ווי אומגעוויינלעך, ווערט דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן. אָבער צום סוף ווערן מיר אַריבערגעטראָגן גאָר אין אַן אַנדער ספערע. עס לאָזט זיך הערן גאָר אַן אַנדער נאָטע. ווי צופעליק ווערן אַריינגעפירט די ווערטער: „און די זאַך וואָס דוד האָט געטאָן איז געווען שלעכט אין די אויגן פון ג׳״. מיט דעם הייבט זיך אָן גאָר אַן אַנדער געשיכטע. עס דערשיינט דער נביא, און דורך אים מישט זיך אַריין ג׳.

דער עיקר וואָס דאַרף דאָ באַטאָנט ווערן איז אָט וואָס. די געשיכטע נומער איינס איז כרגיל. עס איז דער געוויינלעכער גאַנג פון לעבן, אין דעם אַזוי גערופענעם אכזריותדיקן אָריענט אין די אַלטע צייטן, אָדער ער־געצווו אַנדערש אין אונדזערע צייטן. איר גלייכן קאָנען געפונען ווערן אין יעדן בוך פון היסטאָריע און אין אומצאָליקע פּאָעמעס און נאָוועלן. די געשיכטע נומער צוויי — איז שוין עכטער תנ״ך, ס׳מיינט יידישער גע־דאַנק אין זיין געלייטערטסטער פאָרם. אויף דער פראַגע, וואָס פון דעם יידישן געדאַנקען־גאַנג איז וויכטיק פאַר דער מענטשהייט, וואָלט געווען אַ זייער קורצער און צוגעפּאַסטער ענטפער: די געשיכטע פון נתן הנביא מיט דוד המלך, און דאָס קאַפּיטל 51 פון תהילים.

מיר קאָנען נעמען אַ צווייטן ביישפּיל, וואָס איז נישט ווייניקער באַ־קאַנט. דער מלך אחאב, אונטערגעיאָגט פון זיין פרוי, באַרויבט נבות: עס איז נאָכאַמאָל די אַלטע געשיכטע פון גייציקייט, געשטיצט דורך מאַכט, און נאָכאַמאָל מישט זיך אַריין גאָט, דאָס מאָל דורך אליהו התשבי. און אין דעם פאַל איז נישטאָ די אָפּשוואַכונג פון קלאַפּ דורך משל און דיס־קוסיע. „האָסט געמאָרדעט און קומסט נאָך ירשענען?״, דער פאָרוואורף איז דירעקט און ברענט ווי פייער.

9) די דאָזיקע צוויי ביישפּילן זענען גענוג צו באַלויכטן אַ גרינט־לעך פּראָבלעם. מען האָט אָפט געפרעגט, צי דער לעבנסוועג וואָס דער

תנ״ך באַפעלט איז שבט־מנהג אָדער וועלט־געזעץ, ד״ה צי מיר האָבן אין אים מאָראַליטעט אין פולן זין פון וואָרט? די פאָרפּאַלן זענען געוויס לאָקאַל, בלי ספק שבטימדיק. יעדער מענטשלעכער פאָרפּאַל איז באַשרענקט דורך רוים און צייט, און איז דערפאַר אין תוך באַגרעניצט, אָבער אין די דערמאָנטע פאַלן, כאָטש דער פאָרפאַל איז לאָקאַל, איז זיין באַדייט אוניווערזאַל, און נישט נאָר א י ז ע ר אַלוועלטלעך, נאָר ער ווערט פאָרגעשטעלט און אנערקענט אַלס אַזעלכער. נישט צו טויטן בכדי צו פאַרכאַפּן אייער שכנס ווייַנגאָרטן, אָדער ווייב, ווערט דאָ נישט געגעבן ווי עפּעס אַ צייטווייליקע עצה, אין באַשטימטע און ספּעציעלע אומשטענדן, וואָס קענען קיינמאָל נישט טרעפן אַ צווייט מאָל. דער משל פון נתן הנביא, פּונקט ווי די פּראַזע פון אליהו הנביא, זענען אַבסאָלוט אַלגעמיין. די אַלגעמיינקייט איז, בלי ספק, דער עכטער מהות פוןביידע. דער משל איז וועגן יעדן רייכן מאַן און אָרעמאַן, ס׳הייסט פון מענטש אַלס אַזעלכע. אויך דער מלך אחאב ווערט באַשולדיקט דורך אליהו אלס מערדער און רויבער, אויף פולשטענדיק אַלגעמיינע גרונדן. ווען נתן הנביא זאָגט צו דוד המלך: „דו ביזט דער מאַן!״ גיט ער אַ קאָנקרעטן אויסדרוק צו דער אידעע, אַז עס זענען פאַראַן לעבנס־געזעצן פאַר אַ ל ע מענטשן, רייך און אָרעם, קעניג און אונטערטאַן, אָן קיין שום אויסנאַם. און דער ענין ווערט אַנטוויקלט אין זיין פולן באַדייט; ווי קליין דאָס קעניגל זאָל נישט זיין אין אונדזערע אויגן, איז ער פאָרט, פאַרן דערציילער, אַ קעניג, און דער עיקר פון דער גאַנצער מעשה איז, אַז אויך קעניגן זענען אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ.

דאָס איז אויך נישט קיין איזאָלירטער פאַל, אַ מיינונג וואָס איז צופעליק אויפגעקומען, צופעליק פאַרגעסן געוואָרן. עס איז פון איין שטיק מיטן גאַנצן געוועב פון די חומש־מעשהלעך, אין וועלכע דער געדאַנק פון איין געזעץ פאַר אַלעמען איז דער לעצטער יסוד. די ערשטע טאַט פון אַן אויסדערוויילטן קעניג, איז לויטן ספר דברים, זיך צו מאַכן אַן אָפּשריפט פון ספר תורה מיט דער אייגענער האַנט. „בכדי זיין האַרץ זאָל זיך נישט גרויסן איבער זיינע ברידער״.

10) אויף אַזאַ אופן פאַרקערפּערט דאָס יידנטום, ווי עס ווערט פאַר־

שטאַנען פון די יידן גופא, דעם געדאַנק, אַז די אידעע פון געזעצלעכקייט איז אוניווערסאַל און אומעטומיק. דאָס נייע לעבן דאַרף געפירט ווערן לויט רעגולאַציעס. מענטשן און זייערע ליידנשאַפטן נויטיקן זיך אין אָנפירונג און קאָנטראָל. אפילו נקמה דאַרף רעגולירט ווערן: „אַן אויג פאַר אַן אויג" און נישט מער. [די וואָס פרעגן אָפּ דעם (רוימישן) געזעץ פון טאַליאָן, וואָס מען האַלט אַז ער איז פאַרקערפּערט אין אָט דער ביבלישער פראַזע, וואָלטן גוט געטאָן ווען זיי באַטראַכטן דעם פּראָגרעס פון טאַליא (נקמה) צו לעקס (געזעץ). אָבער אין בוכשטעבלעכן זינען איז עס קיינמאָל נישט געווען קיין געזעץ אין יידישער געזעצגעבונג, ווייל דער סיסטעם פון פאַרגיטיקונג דורך אויסלייז־געלט, אָדער באַשטראָפן דורך קנס, איז געווען פולשטענדיק אנערקענט און אָנגעווענדט.] אָבער רעגולאַציעס שליסן נישט אויס קיין פערזענלעכע געפילן און דער „כלל גדול" איז „זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך זעלבסט". מיר מעגן באַטראַכטן אָט דעם געבאָט אין זיין טעקסט, (ויקרא י"ט), ווייל מיר וועלן אין אים געפינען אַ שטאַרקע און באַדייטונגספולע אילוסטראַציע צו דעם פריער געבראַכטן. „זאָלסט נישט דריקן דיין חבר און נישט באַגזלנען. זאָלסט נישט לאָזן איבערנעכטיקן דעם לוין פון אַ געדונגענעם ביז אין דער פרי. זאָלסט נישט שילטן אַ טויבן, און פאַר אַ בלינדן זאָלסט נישט לייגן קיין שטרויכלונג. און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט, איך בין גאָט. איר זאָלט נישט טאָן קיין עוולה אין אַ משפט; זאָלסט נישט שוינען דעם אָרעמאַן און נישט שאַנעווען דעם גרויסן מאַן, מיט גערעכטיקייט זאָלסטו משפטן דיין חבר. זאָלסט נישט אַרומגיין מיט רכילות צווישן דיין פאָלק; זאָלסט נישט שטיין רואיק ביי דעם בלוט פון דיין חבר: איך בין ג'. זאָלסט נישט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרצן, אויסריידן זאָלסטו דיין חבר, כדי זאָלסט נישט טראָגן איבער אים אַ זינד. זאָלסט זיך נישט נוקם זיין און נישט טראָגן קיין שנאה אויף די קינדער פון דיין פאָלק, נייערט זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין. איך בין גאָט".

אין די לעצטע דריי פסוקים איז פאַראַן, אָדער עס שיינט זיך צו געפינען, אַ באַגרענעצונג; ווי דאָס געזעץ וואָלט געווירקט בלויז אין

שייכות מיטן שכן, ברודער און מיטגלידער פון פאָלק, אָבער דעם, וואָס איז נישט קיין שכן אָדער ברודער און פאָלקס־מיטגליד, מעג מען לייגן, אים פיינט האָבן, זאָגן קעגן אים פאַלשע עדות, אָן קיין שום שטראָף אָדער פאָרוואורף. דאָס איז לכתחילה קוים מעגלעך. דער פאַקט איז מסתמא גאַנץ פשוט אַז די געזעצן זענען פאָרמולירט געוואָרן אַזוי, אַז דער פשוטער מענטש זאָל זיי קענען פאַרשטיין; און אַז עס איז נאַטירלעך צו זאָגן אין אַ קליינער געזעלשאַפט: באַהאַנדלט אייער שכן און פריינט אָב־שטענדיק, ווייל זיי זענען די איינציקע מענטשן, מיט וועלכע איר קומט זיך צוזאַמען. אָבער לאָמיר לייענען ווייטער: „און ווען אַ גר וועט לעבן מיט אייך אין אייער לאַנד, זאָלט איר זיין לעבן נישט שווער מאַכן, זאָל ער זיין ווי איינער פון אייערע לאַנדסלייט און איר זאָלט אים ליב האָבן ווי זיך זעלבסט, ווייל איר האָט אַליין געלעבט אין אַ פרעמד לאַנד — אין מצרים: איך בין ג׳ אייער האר״.

דער מערקווירדיקער עיקר פון אָט די פסוקים איז אַ צווייפאַכער: סיי דאָס אָנגעבן אַ מאָטיווירונג, סיי די מאָטיווירונג וואָס ווערט געגעבן. דורך דעם וואָס עס ווערט אָנגעגעבן אַ מאָטיוו, זעט אויס די טאַט ווי באַזירט אין פאַרנונפט, און דער מאָטיוו וואָס ווערט אָנגעגעבן, ווען אַפילו אַ היסטאָרישער און פערזענלעכער, איז ער דאָך טיפיש און ביישפילפול. ווייל איר זענט אַליין געווען גרים אין מצרים, קאָנט איר באַגרייפן די געפילן פון אַ פרעמדן, און דערפאַר דאַרפט איר אים באַהאַנדלען ווי אַן אייגענעם: (ואהבת לו כמוך). די געפילן פון אַלע מענטשן זענען ענלעך, און וואָס עס ווירקט אויף איין מענטשן אין איין אָרט, ווירקט אויך אויף אַ צווייטן מענטשן אין אַ צווייטן פלאַץ. אויף אַזאַ אופן באַציען זיך סיי דער אָנגעגעבענער מאָטיוו, סיי די פאַראָרדנטע טאַט, צו עפּעס, וואָס קאָן טרעפן אויך אין דעם לעבן פון אייער געמיינשאַפט, ד״ה צו יעדן איי־נעם.

ווען מען לייענט ווייטער, ווערט עס נאָך קלאָרער: „איר זאָלט נישט מאַכן קיין פאַלשקייטן אין וואָג און מאָס. איר זאָלט האָבן אַ ריכטיקע מאָס און אַ ריכטיקע וואָג פאַר יעדער זאַך״. מיר האָבן דאָ אַ פראָזאַ־ישע אָבער געזונטע דעפיניציע פון גערעכטיקייט. נישט נאָר אַלע מענטשן,

נאָר אַלע מאַסשטאַבן מוזן זיין גלייך, און זיי מוזן זיין גלייך אין אַלע אומ־שטענדן און אומעטום — ווידעראַמאָל אַן אַבסאָלוט אַלגעמיינע און דער־פאַר מאָראַלישע אויפפאָדערונג.

11) די אַלגעמיינקייט פון דעם לעבנסוועג, לויט וועלכן די יידן האָבן געגלויבט אַז זיי זענען אויסדערוויילט געוואָרן צו דינען ג', איז אַמ־בעסטן אילוסטרירט דורך דער חומש־שטעלע, ווילבאַקאַנט ווי די צען געבאָט. איך זאָג „ווילבאַקאַנט", צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, די יידן רופן זיי נישט די צען געבאָט נאָר די עשרת הדברות. צווייטנס, אַ גרויסער דייטשישער ביבל־קריטיקער האָט אויסגעפונען אַ צווייטע גרופע פון געבאָטן, וואָס קאָנען דורך אַ דורכגעטראַכטן צו־שניידן געמאַכט ווערן זיי זאָלן אויסזען ווי צען, און לויט ער זאָגט איז דאָס דער אָריגינאַל. לויט מיין בעסטן וויסן, שיינט עס טאַקע צו זיין אַזוי; אָבער דאָס זענען נישט די צען, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט און געהאָלפן אָריענטירן דעם געוויסן פון דער מענטשהייט. כפי ס'איז בעיקר ד אָ ס, וואָס עס אינטערעסירט אונדז, קאָן מען אונדז מוחל זיין אויב מיר וועלן זיי באַטראַכטן ווי זיי ווערן גע־בראַכט אין פשוטן טעקסט און ווי זיי זענען געלערנט געוואָרן דורך יאָר־הונדערטער און האָבן זיך איינגעקריצט אין די מוחות פון צאָללאָזע מיל־יאָנען. נעמענדיק זיי ווי זיי זענען און אָן צו מאַכן אַ פאַרזוך פון אַ דע־טאַלירטן וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, קאָנען מיר באַמערקן:

א) אין זייערע צוויי טאָוולען (לויט דער טראַדיציע אַנטהאַלט דער ערשטער די פליכטן צו גאָט און דער צווייטער די פליכטן צום מענטשן) דריקן זיי אויס סיי די רעליגיעזע, סיי די סאָציאַלע עטיק.

ב) זיי זענען אַלגעמיינע, זיי שטעלן פעסט אוניווערסאַלע געזעצן און קאָמפּראָמיסלאָזע, זיי דערלאָזן נישט קיין אויסנאַמען.

ג) זיי זענען איינפאַך, באַגרייפלעך פאַר יעדן מענטשן, און כאָטש זיי זענען נישט קיין דערוויזענע פּראָפּאָזיציעס, זענען זיי דאָך שכלדיק.

ד) זיי הייבן זיך אָן מיט דער זעלבסטבאַהויפּטונג פון דעם גאָט, וואָס אינטערווענירט אין קאָנקרעטע היסטאָרישע פאַסירונגען, און ווען אפילו געשטאַלטלאָז, האָט ער דאָך אינטערעס פאַר דער אויפפירונג פון

דעם איינצלנעם מענטשן. זיי שליסן זיך מיט אַ פאַרדאַמונג פון קנאה און גייציקייט, וואָס פירן צו סאָציאַלער אומאָרדענונג און פאַרברעכן.

די עשרת הדברות זענען אַזוי אַרום דער ריכטיקער טיפּ פון אַבסאָלוטע געזעצן באַשטימט צו דינען דער מענטשהייט, וואָס רעכענען זיך מיטן „פאַרלאַנג פון די אויגן" און די „בייגונגען פון האַרץ" פון דעם מענטשן, און דאָך באַטאָנען זיי דעם מענטשנס פולע און ענדגילטיקע אָפּהענגיקייט פון דעם, וואָס איז נישט מאַטעריעל און וואָס מען קען נישט זען.

12) די איינשליסונג אין די עשרת הדברות פון דעם „לא תחמוד" (זאָלסט נישט גלוסטן) פּונקט ווי די איינשליסונג פון: „זאָלסט נישט שעלטן קיין טויבן און פאַר אַ בלינדן זאָלסטו נישט לייגן קיין שטרויכלונג" אין דעם „געזעץ פון הייליקייט", איז מרמז אויף אַ פיל ברייטערן באַדייט פון דעם באַגריף געזעץ, ווי דער וואָס איז היינט אָנגענומען. תורה מיינט ביי יידן גיכער לערע, ווי די געשריבענע ווערטער פון אַ געזעץ־קאָדעקס; און אויב דאָס קומט פון גאָט — און אין תנ"ך איז נישטאָ דער קלענסטער צווייפל וועגן דעם — זענען פאַראַן פאַרשיידענע אופנים ווי אַזוי די לערע איבערצוגעבן. זי האָט געקאָנט אַראָפּגעבראַכט ווערן פון הימל מינדלעך (דורך אַ שטימע) אָדער שריפטלעך (לוחות); זי קאָן אויפגעשריבן ווערן אויף אַ מאָנומענט אויף די ברעגן פון ירדן; זי קאָן איבערגעגעבן ווערן דורך נביאים און איבערגעשריבן ווערן פון קעניגן, זי קאָן איבערגענומען ווערן פון די ליפּן פון כהנים און חכמים. אָבער דער ציל איז איינער און דער זעלביקער, זי זאָל איינגעקריצט ווערן אין האַרצן, זי איז נישט אין הימל אָדער מעבר לים, נאָר „זייער נאָענט צו דיר, אין דיין האַרצן" — אַזוי שרייבט דער געזעצגעבער; „איך וועל מיין געזעץ אַריינגעבן אין זייערע אינגעווייד און אויף זייער האַרצן וועל איך עס אָנשרייבן", דערקלערט דער נביא פון חורבן; „און איך וועל אייך אַריינגעבן אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט, און איר וועט אָפּהיטן מיינע מצוות און זיי מקיים זיין", זאָגט דער כהן־נביא פון גלות. דער אידעאַל, זאָל עס באַמערקט ווערן, איז נישט דאָס וואָס ווערט בכלל באַצייכנט אַלס „אויטאָנאָמיע", די אַקטיוויטעט פון דעם רצון צו געבן זיך זעלבסט געזעצן.

ווען מענטשן באַטראַכטן זייער רצון ווי דעם איינציקן מקור און מהות פון געזעץ, איז דער רעזולטאַט — כאַאָס און צעשטערונג. געזעץ קומט פון דרויסן, אָבער ביי דער העכסטער אַנטוויקלונג פון מענטשן דאַרף מען עס אים נישט לערנען, ווייל עס איז פאַרשריבן ביי אים אינעווייניק.

אויף אַזאַ אופן, איז דער „דרך", צו וועלכן מיר זענען צוגעקומען אין זיין העכסטן אויסדרוק, אַזוי דערוויטערט פון דעם ארגיאסטישן ווי פון דעם אוטיליטאַרישן. עס איז נישט קיין פיבערנדיקע אויפרעגונג, נישט קיין „גיב און נעם". עס איז אַן אויסברייטערונג פון האַרץ, אַ „אייניקייט" פון דער פערזענלעכקייט, אַן אָפפרישונג און אַ איבערבוי פון דער נשמה. עס איז לעבן, געלעבט דאָ און היינט און אין די סודותפולקייטן פון העכ־סטע הויכקייטן. עס איז אַן אויסשטראַלונג פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין דער איימיקייט אַריין. צייטנווייז איז עס אומגעדולדיק: „ביז וואַנען, מיין גאָט, ביז וואַנען?", אָבער די וויזיע איז קלאָר, דער צוטרוי נישט גע־רירט. מען דינט גאָט נישט אַרויסקוקנדיק אויף שכר. מען גייט אין די וועגן פון גערעכטיקייט פון זיין ליבן נאָמענ׳ס וועגן. מען זוכט ליכט אין זיין שיין, די פולסטע פרייד אין זיין אָנוועזנהייט. דער דרך איז אַ ברכה, די בענטשונג, אַ גלאָריע.

13) מיר זעען, אַז דער באַגריף, וואָס די יידן האָבן געשאַפן וועגן זיך זעלבסט, אַנטהאַלט אידעען, וואָס זענען געוואָרן, אין איין זין אָדער דעם צווייטן, אַ חלק פון דער ירושה פון דעם מערב־מענטשן: אויס־וויל און באַרוף, פרייהייט און גלייכהייט, דער חוב צו דערציען, די אַל־וויכטיקייט פון די מאָראַלישע עלעמענטן אין לעבן; מאָראַל אַלס שכלדי־קייט און אַלוועלטלעכקייט; לעבן אַלס אַ געמיינשאַפט, דאָס צוזאַמענ־גיסן די ליבע צו גאָט מיט דער ליבע צום נאָענטן; די רעאַליטעט פון דער מאַכט פון דעם אומזעבאַרן. דער איבערזיכט איז געמאַכט אין איילעניש און דערפאַר נישט פולקאָם, אָבער עס גענוגט אויף צו באַרעכטיקן די באַ־מערקונג פון דעם איבערזעצער פון בן־סירא אַז: „אַ סך גרויסע זאַכן זע־נען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער תורה און די נביאים און די אַנדערע, וואָס זענען געגאַנגען אין זייערע פיסטריט, און צוליב אַט די אַלע זאַכן דאַרף געלויבט ווערן ישראלס וויסן און חכמה".

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועלן מיר באַהאַנדלען און באַטראַכטן אייניקע פון אָט די „גרויסע זאַכן". כאָטש מיר מוזן זיך מיט באַדויערן דערמאָנטען אין די ווערטער פון דעם ציטירטן איבערזעצער אַז „זאַכן וואָס זענען לכתחילה געזאָגט געוואָרן אין העברעאיש, האָבן נישט די זעלביקע קראַפט ווען זיי ווערן איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער שפּראַך".

III גרונט־אידעען

פאַרשידענע קולטורן האָבן געפורעמט אונדזער וועלט, און עס איז אינטערעסאַנט אָפּצוזוכן דעם גרונט־פּרינציפּ פון יעדער איינער. אויב דער בייטראָג פון גריכנלאַנד איז בעיקר וויסנשאַפט און קונסט, און דער בייטראָג פון יידנטום איז עטישע רעליגיע, דאַרף מען באַמערקן אַז סיי קונסט און סיי וויסנשאַפט זענען דער פּראָדוקט פון אַריינטראַכטונגס־גייסט, בשעת עטישע רעליגיע איז אַקציע און שאַפערישע ענדערונג.

די גריכן האָבן אָנגעהויבן פון דעם אוניווערז און זיי האָבן געזען זיין אָנהויב אין דעם געבורט פון איין וועלט פון אַ צווייטער, אָדער אין דעם אַריינפירן אָרדענונג אין דעם פּרימיטיוון כאַאָס. זיי האָבן באַטראַכט די מאַטעריע ווי אַן אייביקע און דער וועלט־באַשאַף איז פאַר זיי אַ פּראָצעס פון פורעמען מאַטעריע דורך פאָרם; עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין אמתער בראשית, גיכער איז געווען אַן ענדלאָזער ווידער־באַשאַף. זייער גאָטהייט איז נישט געווען אַ שעפער אָדער באַנייער, נאָר — אַפילו אין זייער העכסטער וויזיע — „אַ געדאַנק וואָס דענקט זיך זעלבסט“; און ער האָט אָנגעהויבן באַוועגונג, נישט ווי אַן אַקטיווער סוביעקט, נאָר ווי אַ פּאַסיווער אָביעקט פון דענקען און פאַרלאַנגען. זייערע טיפּישע דערגרייכונגען, די קונסטן און די וויסנשאַפטן, שטעלן מיט זיך אויך פאָר נאָר דאָס אָננעמען פון דעם וואָס עקזיסטירט. אַלס דערגרייכונגען זענען זיי פריי, אויף אַזוי ווייט אויף וויפל זיי זענען דער רעזולטאַט פון אַן נישט־געבונדענער גייסטיקער אַקטיוויטעט; אָבער די אַקטיוויטעט איז, אין אַריסטאָטעלס וואָרט וועגן גאָט, אַן „אַקטיוויטעט פון אומבאַוועגלעכקייט“. דער מוסטער פון גריכישער דערגרייכונג איז די אויטאָנאָמיע פון דער מאַטעמאַטיק, ווען זי אַנטדעקט אַבסטראַקטע שייכותן, אָדער פון דער פילאָזאָפיע ווען זי פאָרשט אויס די סטרוקטור פון דעם רעאַלן. דער אינטעלעקטואַלער אידעאַל איז די פרייהייט צו אורטיילן; דער מאָראַלישער

ציל איז נישט דאָס טאָן, וואָס איינער וויל, נאָר דאָס וועלן דאָס, וואָס איינער קאָן.

דער אויסגאַנגס־פּונקט פון די יידן איז גאָט, און זיי האָבן אים באַגריפן בעיקר ווי שעפערישקייט. ער האָט באַשאַפן די וועלט, ער האָט געשאַפן אַ לעבנס־וועג פאַר דעם מענטשן, און האָט געשאַפן אַ פאָלק, וואָס זאָל רעאַליזירן דעם דאָזיקן לעבנס־וועג; נאָך מער, ער איז גרייט צו פּרוון אַ צווייטן מאָל און צו שאַפן אַ נייעם מענטשן, נייע הימלען און אַ נייע ערד, אויב די שוין באַשאַפענע זאָלן זיך אַרויסווייזן נישט צוגעפּאַסט פאַר זייער אויפגאַבע און זיין צוועק. דער יידישער גאָט איז נישט קיין פילאָזאָף און זיינע דרכים זענען פאַרפלאָנטערט דורך לאָגישע סתירות. זייער ווייט פון צו זיין אַ ריינער געדאַנק, וואָס איז קאָנצענטרירט אין זיך זעלבסט, וויל ער אַ וועלט אויסער אים גופא, און האָט אינטערעס פאַר איר; און ער איז אינטערעסירט אין אַלץ, לעבעדיקע און נישט־לעבעדיקע וועזנס צוגלייך, און, צווישן די לעבעדיקע, אין חיות און בהמות, ווי אין מענטשן. ער פאַרבאָט יעדע געשטאַלט אָדער אָפּבילד פון זיך זעלבסט, ווייל קיין מאַטעריעלעס קאָן נישט אויסדריקן זיין נאַטור; אין כאָטש ער איז „אַ פאַרצערנדיקער פייער" — דער אידעאַל פון איינזאַפּן דאָס מענטשלעכע אין דעם געטלעכן איז נישט יידיש — דאָך דאַרף דער מענטש גיין אין זיינע דרכים און זיך באַהעפטן אין אים. אייניקע פון די מער איינדרוקספולע טיילן פון תנ"ך, שפּיגלען אָפּ זיין אינטענסיווע שעפערישקייט: דאָס ערשטע קאַפּיטל פון בראשית מיט זיין רואיקן און פאַרשטאַנדיקן: „אין אָנפאַנג האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד"; די לעצטע קאַפּיטלען פון איוב מיט זייערע דעטאַלירטע און אימפּאָזאַנטע אויסמאָלונגען פון די גרויסע חיות וואָס זענען, ווי עס שיינט, באַשאַפן געוואָרן נאָר אויס פרייד פון שעפערישקייט. (אַפילו דער ערנסטער תהילים־זינגער זעט איין, אַז גאָט האָט געקאָנט באַשאַפן אַזאַ מאָנסטער ווי דער לויתן בלויז בכדי צו שפּילן זיך מיט אים). די פרימאָרגן־שטערן זינגען צוזאַמען — אָן צווייפל ווייל זיי האָבן נישט קיין אַנדער אויפגאַבע און באַשעפטיקונג. עס איז גאָר קיין חידוש נישט וואָס די מיטלאַלטערלעכע וועלט האָט עס געהאַט אַזוי שווער ברענגען צו אַ הסכם אַריסטאָטעל און דעם תנ"ך!

2) אָבער צווישן די יידן זענען געווען „דענקענדיקע“, פונקט ווי צווישן די גריכן זענען געווען „אַקטיוויסטן“, און מיר מעגן זיך באַציען מיט אומצוטרוי צו די פּאַראַלעלגעמיינערונגען און די אויסדרינגונגען, וואָס שטאַמען פון אַ צוגעטראַכטן עטאָס פון גריכן און יידן. דאָך בלייבט עס אַ פאַקט, אַז היסטאָריש איז עס געווען די אידעע פון וועלט־באַשאַף, וואָס האָט געשאַפן די גרויסע צעטיילונגס־וואַנט צווישן יידישן און גריכישן דענקען.

מיר קאָנען עס אַמבעסטן זען אין דעם אַנטשיידענעם קריטיציזם אין דער הינזיכט פון דעם אַריסטאָטעלישן וועלט־באַנעם, וואָס מען געפינט ביי יידישע און קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער פון מיטלאַלטער; אָבער ער דערשיינט אויך אין די טיפּישע דערציילונגען וועגן די ערשטע צוזאַמענשטויסן צווישן דער יידישער און גריכישער קולטור. „האָב נישט קיין מורא פאַר דעם מערדער“, האָט געזאָגט — ווי עס ווערט דערציילט — די מוטער פון די זיבן זין צו דעם יינגסטן (חשמונאים, ב׳ 7), נאָר „הייב אויף דיינע בליקן צום הימל און איבער דער ערד און זע אַלץ וואָס אין זיי איז פאַראַן, און אנערקען, אַז גאָט האָט עס באַשאַפן נישט פון עפּעס, וואָס האָט שוין עקזיסטירט פון פריער“. אָבער דער עיקר איז וואָס דאָס איז נישט באַגריפן געוואָרן אַבסטראַקט אין פילאָזאָפישן זין; און לאָמיר נאָכאַמאָל ציטירן די מוטער: „דער באַשאַפער פון דער וועלט, וואָס האָט געפורעמט דעם ערשטן אָפּשטאַם פון מענטשן און האָט אויסגעקלערט דעם ערשטן מקור פון אַלע זאַכן, וועט אין זיין חסד דיר צוריקגעבן דיין נשמה און דיין לעבן, ווייל דו ביזט זיך מקריב היינט אין נאָמען פון זיין תורה“. די דאָקטרין פון וועלט־באַשאַף נוצט אויך צו באַמוטיקן אָט־די ערשטע מאַרטירער דורך געבן זיי אַ שכלדיקן גרונט פאַר דער האָפענונג פון אומשטערבלעכקייט.

3) עס איז אַ זייער אילוסטרירנדיקער פּאַראַדאָקס, וואָס מען האָט אין דער אַנטיקער וועלט די יידן גערופן: „אַטעאיסטן“. נישט זיי, נישט זייער גאָט זענען ווען עס איז געהעריק פאַרשטאַנען געוואָרן. די שוועריקייט איז קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן ביי דעם רוימישן היסטאָריקער טאַציטוס (היסטאָריע V .5): „די מצרים דינען צו חיות און בהמות פון

פאַרשיידענע מינים און צו אָפּבילדונגען געמאַכט דורך האַנט פון מענטשן" (זייערע געטער זענען, הייסט עס, פאַרשטענדלעך). „די יידן אנערקענען נאָר איין גאָט, און זיי באַגרייפן אים בלויז מיטן שכל". און ער דערקלערט גענויער: „די יידן פאַרדאַמען אַלס זינדיקע אַלע די, וואָס שאַפן אָפּביל־דונגען פון דער גאָטהייט מיט פאַרגייענדיקע מאַטעריאַלן געפורעמט אין מענטשלעכע געשטאַלטן. דער דאָזיקער וועזן, זאָגן זיי, איז איבער אַלץ און אייביק, און קאָן זיך נישט ענדערן אָדער פאַרלענדט ווערן".

טאַציטוסעס קאַלטע באַמערקונג וועגן דעם אָביעקט און נאַטור פון דער יידישער אמונה („נאָר איין גאָט, און באַגריפן בלויז מיטן שכל"), האָט אַ פּאָליטישע ווי אַ רעליגיעזע באַדייטונג. „ווייל עס איז אַלס פועל יוצא דערפון (פון זייער באַגריף פון דעם גאָט־מהות), זעצט ער פאָר, וואָס זיי דערלויבן נישט קיינע אָפּבילדונגען אין זייערע שטעט, און נאָך ווייניקער אין זייערע טעמפּלען: זייערע מלכים באַקומען נישט אָט די חניפה, נישט די רוימישע אימפּעראַטאָרן האָבן ביי זיי אָט דעם כבוד".

ווי עס איז גוט באַוווסט, האָט דאָס אָפּזאָגן זיך פון די יידן אָפּצו־געבן געטלעכן כבוד צו די צעזאַרן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די פּאַ־סירונגען וואָס האָבן געפירט צו זייער צעשטערונג אַלס אַ פּאָליטישע ענ־טיטעט. „עס האָבן זיי געלערנט פון דער פריסטער יוגנט" — זאָגט דער יידישער דענקער פילאָן פון אַלעקסאַנדריע (ידידיה), אין שייכות מיט דער פאַראָרדענונג פון רוימישן אימפּעראַטאָר קאַליגולא אַריינצושטעלן זיין סטאַטוע אין בית־המקדש פון ירושלים — „זייערע עלטערן, לערערס און דערציערס, און נאָך פריער, זייערע הייליקע געזעצן, און אויך די נישט־געשריבענע סענטענצן און מנהגים, צו גלויבן, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט, זייער פאָטער און דער שעפער פון דער וועלט".

„ווייל אַלע אַנדערע, אַלע מענער און פרויען, אַלע שטעט, אַלע פעל־קער, יעדעס לאַנד און מדינה פון דער וועלט, איך וואָלט כמעט געזאָגט אַלע איינוווינער פון דער ערד, ווען אפילו זיי האָבן געזיפצט אויף דעם וואָס עס קומט פאָר, האָבן זיי אים (קאַליגולאַן) פונדעסטוועגן געחנפהט... און אייניקע פון זיי האָבן אפילו איינגעפירט (אין איטאַליע) דעם באַר־

באַרישן מנהג צו פאַלן פאַר אים כורעים, און פאַרגעטערן אים, פעלשנדיק זייער איינגעבוירענעם געפיל פון רוימישער פרייהייט".

„אָבער דאָס איינציקע פאָלק פון די יידן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון נאָכצוטאָן אַזעלכע זאַכן, האָט ער חושד געווען אין אַ ווילן זיך קעגנשטעלן זיינע פאַרלאַנגען, ווייל זיי זענען געווינט אָנצונעמען פרייוויליקן טויט ווי אַן אַריינטריט אין דער אומשטערבלעכקייט, כּדי נישט צו דערלויבן אַז בלויז איינער פון זייערע נאַציאָנאַלע אָדער ירושהדיקע מנהגים, אפילו דער סאַמע קלענסטער איינפיר — זאָל צעשטערט ווערן. אָבער אין דעם פאַל איז עס נישט געווען קיין קלייניקייט, נאָר אַן עניין פון דער גרעסטער וויכטיקייט; נעמלעך, דאָס דערלויבן דעם געשאַפענעם און פאַרלענדערבאַרן מהות פון מענטשן, זאָל זיין בלויז למראית עין, צו דעם נישט באַשאַפענעם און אומפאַרלענדערבאַרן מהות פון גאָט, אַ זאַך וואָס דאָס פאָלק האָט ריכטיק באַגריפן ווי די שרעקלעכסטע גאָטלאָזיקייט..." (מען קאָן צוגעבן, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל איז דאָס אַלגעמיינע אָפּזאָגן זיך פון די יידן אָפּצוגעבן אַ מענטשן דעם כבוד פון גאָט פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם פאַקט, וואָס דער מענטש וועגן וועמען עס האָט זיך געהאַנדלט איז געווען דער הויפּט פון דער אימפעריע, דער צעזאַר בכבודו ובעצמו).

4) אַ בית־המקדש, וועמענס הייליקסטער פלאַץ טאָר נישט פאַרנומען ווערן פון אַ מאַטעריעלער געשטאַלט איז געווען אַ נייעס אין דער גריכישרוימישער וועלט, און דאָס האָט אַרויסגערופן דאָס שטוינען פון די רוימער זינט די צייטן ווען פּאמפּעוס איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין בית־המקדש. פילאָן גיט אונדז דעם טעקסט פון אַן אינטערעסאַנטן בריוו, געשריבן צו קאַליגולא פון דעם מלך פון יהודה, אַגריפּאַס, אין וועלכן אָט דער פונקט ווערט באַטאָנט מער ווי איין מאָל:

„אָ מיין האַר און הערשער, קאַיוס! דער בית המקדש האָט קיינמאָל, זינט זיין גרינדונג ביז היינט, נישט צוגעלאָזן קיין שום האַנט־געמאַכטע געשטאַלט, ווייל ער איז געווען דאָס הויז פון גאָט. בילדער און סטאַטועס זענען בלויז אָפּבילדונגען פון די געטער, וואָס מען קאָן באַגרייפן מיט די חושים, אָבער אונדזערע עלטערן האָבן נישט באַטראַכט, אין הסכם מיט

דער באַערונג פאַר גאָט צו מאַכן עפּעס אַ געשטאַלט אָדער אָפּבילדונג פון דעם אומזעבאַרן גאָט..."

„דערפאַר האָט קיינער, ניט גריכן און ניט באַרבאַרן, ניט סאַטראַפּן און ניט מלכים, אפילו די אכזריותדיקסטע שונאים, קיין אויפשטאַנד, מל־חמה, אָקופּאַציע און חורבן, קיין שום פּאַסירונג וואָס האָט ווען עס איז געטראָפן, קיינמאָל נישט באַדראָט דעם בית־המקדש מיט דעם נייעם איינפיר פון אַריינשטעלן אין אים וועלכע ס'איז אָפּבילדונג, אָדער סטאַ־טוע, אָדער עפּעס אַן אַנדער מין ווערק געמאַכט מיט דער האַנט. ווייל, אפילו ווען די שונאים האָבן אַרויסגעוויזן זייער שנאה צו די איינוווינער פון לאַנד, זענען זיי פאַרט געווען באַהערשט פון אַן אָפּשיי אָדער מורא, וואָס זענען געווען גענוג אויף אָפּצוהאַלטן זיי פון אָפּשאַפן וועלכן ס'זאָל נישט זיין פון די געזעצן, וואָס זענען איינגעשטעלט פון קדמונים, ווי אַזוי צו באַערן דעם שעפער און פאָטער פון דער וועלט..."

און ער גיט צו:

„קאָנסטו זיך פאָרשטעלן וויפל טויטן עס איז גרייט אויסצושטיין דאָס פאָלק, וואָס איז דערצויגן געוואָרן צו קוקן אויף אָט דעם פּלאַץ מיט אַזויפיל הייליקער פאַרערונג, איידער צו זען ווי אַ סטאַטוע ווערט אין אים אַריינגעשטעלט? איך גלויב באמת אַז זיי וועלן גיכער אויסשלאַכטן זייערע פאַמיליעס, זייערע פרויען און קינדער, און לסוף טויטן זיך גופא, אין די חורבות פון זייערע הייזער און משפחות: טיבעריוס האָט עס זייער גוט געוווסט. און וואָס האָט געטאָן אייער עלטערזיידע, דער דער־הויבנסטער פון אַלע אימפּעראַטאָרן, וואָס האָבן ווען עס איז געלעבט אויף דער וועלט, דער ווען עס איז צום ערשטן מאָל געגעבן געוואָרן דער טיטול אויגוסטוס, פאַר זיינע מעלות און מזל; דער, וואָס האָט פאַר־שפּרייט אומעטום שלום, איבער לאַנד און ים, ביז צו די סאַמע ווייטסטע ווינקלען פון דער וועלט? האָט ער דען נישט, ווען ער האָט אויסגעהערט אַ באַריכט וועגן די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון אונדזער טעמפּל, און אַז דאָרט איז נישטאָ קיין בילד אָדער אָפּבילדונג געמאַכט מיט הענט, קיין זעבאַרע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס איז אומזעבאַר, האָט ער דען נישט באַוווּנדערט און באַערט דעם בית המקדש?..."

דער דאָזיקער בריוו, ווי אַ סך אַנדערע, וואָס ווערן ציטירט אין די אַל־טע צייטן, איז פיליכט גאָר קיינמאָל נישט געשריבן און נישט געשיקט גע־וואָרן, אָבער ער שפּיגלט וווּנדערבאַר אָפּ דעם גייסט און די שטעלונג פוןביידע צדדים. גאָט איז פאַר די יידן נישט געווען אַ מענטש, אָדער אַן אַנדער באַשעפעניש, אַ בוים, שטאָם אָדער שטיין, אָדער אַ געץ געמאַכט מיט דער האַנט, און דאָס האָט געמאַכט אים (און אויך זיי) אַ וווּנדער פאַר דער מענטשהייט.

5) דער יידישער גאָט איז נישט בלויז נישט געמאַכט דורך הענט, ער איז אינגאַנצן נישט קיין שאַפונג פון דער נאַטור. ער איז גייסט — נישט פלייש און בלוט. ער איז נישט געשאַפן געוואָרן. ער איז דער באַשאַ־פער. די וועלט, וואָס מיר קאָנען און אין וועלכער מיר לעבן, איז אָפּהענ־גיק פון אַ וועזן פון גאָר אַן אַנדער מין.

אַזוי אַרום איז בלויז גאָט סוף־כל־סוף די איינציקע רעאַליטעט. די הימלען קאָנען ווערן איינגעשרומפּן ווי אַ פּאַרמעט, די בערג צערינען ווי וואַסער, סקולפּטירטע אָפּבילדונגען האָבן אויגן וואָס זעען נישט, אויערן וואָס הערן נישט. מענטשנס פאַרלאַנגען און אַמביציעס זענען הבל הבלים. מיר זענען גרים אויף דער וועלט, אונדזערע טעג זענען ווי אַ מעשהלע וואָס ווערט דערציילט. אַלע באַשעפענישן פון פלייש און בלוט פאַרוועלקן ווי גראָז, און זייער חן איז ווי פון פעלד־בלומען, בלויז גאָט איז איי־ביק.

די דאָזיקע אויסדרוקן זענען גראַנדיעז, אָבער נישט בלויזע רעטאָ־ריק. לויטן תנ״ך זענען זיי דער ניכטערסטער אמת. גאָט דער באַשאַפער איז דער אָנהויב און דער סוף. דער ערשטער און דער לעצטער.

6) אָבער ווען דאָס וואָלט געווען אַלץ, וואָלטן מיר געווען אין דער מאַכט פון אַ פוסטן דעיזם. דער געטלעכער זייגערמאַכער וואָלט היינט צו טאָג געווען אַ מין פּענסיאָנירטער אַרבעטער. ער וואָלט אָפּגערוט פון זיין אַרבעט אין די אומענדלעכע רוימען, נישט באַזאָרגט פון דעם גורל פון זיינע באַשעפענישן. אָבער דער גאָט פון יידישן געדאַנק איז נישט נאָר דער באַשאַפער, ער איז אויך אַ פאָטער. באמת, איז ער נאָך מער ווי סתם אַ פאָטער. ער איז אַ פאָטער, וואָס פאַרשטייט זיינע קינדער און

ווייסט ווי צו באַהאַנדלען זיי. אין דער באַציאונג איז זייער באַלערנדיק די תנ״ך־דערציילונג וועגן דעם נביא יונה. ווען יונה איז אין כעס פּאַר־וואָס גאָט איז מוחל די זינדיקע שטאָט נינוה, לערנט אים גאָט דורך אַ פּראַקטישער אילוסטראַציע. ער צעשטערט אַ פּלאַנץ, וואָס האָט געשיצט יונהן פון דער זון, און דאַן מאַכט ער אַז די זון זאָל ווערן הייסער און הייסער, און ווען יונה הייבט זיך אָן כעסן פאַרוואָס ער ווערט אָן דעם שאָטן, פרעגט אים גאָט פריינטלעך, צי האַלט ער זיך פאַר גערעכט אין זיין כעס. יונה איז איבערצייגט אַז ער איז גערעכט, און דאָ ווערט אים סוף־כל־סוף געגעבן די לעקציע. יונה האָט דאָך נישט געהאָרעוועט אויף דער פלאַנץ, און זי האָט דאָך פאַר אים יעדנפאַלס גאָר אַ קליינעם ווערט, פונדעסטוועגן איז ער באַצערט איבער זיין פאַרלוסט. זאָל גאָט ניט האָבן קיין רחמנות אויף די 120 טויזנט הילפלאָזע איינוווינער פון נינוה מיט זייערע בהמות, אַלע זיי די שאַפונג פון זיינע הענט? מיר קאָנען זיין איבער־ראַשט — אָדער אפשר גאָר הנאה האָבן — פון דער היימישקייט פון שמועס, אָבער קאָנען די זאַכן געמאַכט ווערן קלאָרער? גאָט איז נישט בלויז ענערגיע, וואָס ווירקט בלינד. ער איז גוטסקייט, און זיין רחמנות נעמט אַרום אַלע באַשעפענישן.

אויף אַזאַ אופן איז פאַר דער מענטשהייט נישט אַזוי וויכטיק די פעסטשטעלונג דורך די יידן, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט, ווי דער כאַראַק־טער פון אָט דער גאָטהייט, וואָס זיי האָבן געלערנט אַז זי עקזיסטירט. ער איז אַ „לעבעדיקער״; ער איז אַ „גערעכטער״; ער שטעלט פאָדערונ־גען. ער האָט געלערנט דעם מענטשן וואָס איז גוט און ער דערוואַרטעט אַז דער מענטש זאָל לעבן אין הסכם מיט דעם. און ער איז שטרענג אין זיינע פאָדערונגען. ער רעגירט מיט אַ שטרענגער האַנט. ער געדענקט טאַקע זיין חסד, אָבער ער שרעקט זיך נישט אָפּ פון ווערן אין כעס. און ער ווערט אין גרימצאָרן ווען מענטשן ברעכן טריישאַפט, ווען זיי מאָרדן, ווען זיי זענען גרויזאַם אָן דערבאַרעמונג איינער צום צווייטן, ווען זיי נעמען שוחד און שטויסן אָפּ די נויטבאַדערפטיקע.

7) געלערנטע זענען ניט איינשטימיק וועגן דעם אָפּשטאַם פון יידישן מאָנאָטעאיזם. אייניקע זעען אין אים אַן אַנטוויקלונג פון פרימיטיווערע

באַגריפן, אַנדערע האַלטן אים פאַר אַ אורשפּרינגלעכע מעכטיקע איני־טואיציע. אין אַלע פאַלן מוז מען אנערקענען, אַז, איינמאָל דערגרייכט, איז ער, אַלס אידעע, פּערפעקט. עס האָט אויך נישט געקאָנט זיין אַנ־דערש. דער גאָט, וואָס האָט אַלץ געשאַפן מיט זיין וואָרט, קאָן נישט זיין עטוואָס אַנדערש ווי אוניווערסאַל: און כפי ער איז דער באַשאַפער פון אַלע זאַכן, קאָן ער נישט זיין, און קאָן אויך נישט פאַרגעשטעלט ווערן ווי איינע פון זיי. אַזוי איז דער וועלט־באַשאַף געוואָרן אַ מאָראַלישע אי־דעע, פונקט ווי אַ פיזישער פּראָצעס. עס באַדייט אַ קוואַליטאַטיוון חילוק צווישן גאָט און זיין וועלט. גאָט איז איינער, און — ווי ער איז קיינער: „אַזוי זאָלט איר זיי זאָגן — זאָגט ירמיהו, הפּנים אויף צו געבן אַ קורצן אני מאמין צו די פאַרטריבענע וואָס זענען אַוועק אין גלות בבל (די פראַזע איז אין אַראַמיש — „געטער, וואָס האָבן נישט באַשאַפן הימל און ערד, זאָלן פאַרלאָרן גיין פון דער ערד און פון אונטער די הימלען״.

דאָס אָפּוואָרפן יעטוועדע אַנדערע „הערשאַפט און מאַכט״, ברענגט אַלס אַ פאַקטישן פועל יוצא דאָס אָפּפרעגן דורך דעם יידישן וועלט־באַ־נעם פון יעטוועדן מאַגישן געדאַנק אָדער פּראַקטיק. בלויז די נאַיוויטעט פון געוויסע געלערנטע קאָן געפינען אין דער קלאַסישער יידישער טראַ־דיציע שפּורן פון מאַגיק. אוודאי, האָט מען געפונען אַ היפּשע פּסעוודאָ־עפּיגראַפישע ליטעראַטור, וואָס האָט אַ גענויע אינפאָרמאַציע וועגן מלא־כים און אַנדערע גייסטער (גוטע ווי שלעכטע), און עס ווערן אָנגעגעבן די אופנים פון זיי איינשטילן אָדער איבערשפּיצן. אָבער עס איז קלאָר, אַז אָט די ליטעראַטור איז נישט געווען אָנגענומען אָדער כאַראַקטעריס־טיש. וואָלט זי עס געווען, וואָלט זי דאָך נישט פאַרבליבן אין פאַרבאָר־געניש אַלע די יאָרן. עס איז נישט פאַראַן קיין שום נייס, און אוודאי גאָרנישט ספּעציפיש יידישעס, אין מאַגישע השבעות און אינוואָקאַציעס. דאָס נייע, וואָס יידנטום טראָגט אַריין, איז די קלאָרע אויסדריקלעכע אי־בערצייגונג, אַז גאָטס ווילן קאָן מען נישט איינקויפן דורך השבעות אָדער באַנוצנדיק שמות (די פאַרשיידענע נעמען פון גאָט), נאָר דורך זויבערע הענט און אַ ריין האַרץ. נאָר ערלעכע אויפפירונג, אמת און גוטסקייט, געבן דעם מענטשן דאָס רעכט צו לעבן אויף גאָטס הייליקן באַרג.

דאָס איז בעיקר אָט דער צוגאַנג, טראָץ אַלע ענלעכקייטן אין ווענ־דונג, פּראָזעאָלאָגיע, ריטם און אינהאַלט, וואָס אונטערשיידט, למשל, די באַבילאָנישע „מזמורים" פון די געזאַנגען פון יידישן תהלים. דער תנ"ך האָט נישט די קלענסטע שייכות מיט געצנדינסט און אַלע אירע נאָכ־שלעפּעניש. ער מאַכט אַ קלאָרן אָפּשניט: „זאָלסט נישט האָבן קיין געטער אויסער מיר". ער לייטערט די רעליגיעזע וועלט.

8) און ווען עס איז „נישטאָ קיין געטער אויסער מיר", בלייבן די הימלען פּוסט און די גאַנצע מיטאָלאָגיע אַ פּוסטע אויסטראַכטעניש. אמת, די יידן זענען נישט געווען אַליין ביים צעשטערן אָט די באַזע פון מיטאָלאָגיע, און עס וועט זיין באַלערנדיק צו פאַרגלייכן זיי אין דער הינזיכט מיט דעם דענקענדיקן טייל פון די גרויסע מיטאָס־שאַפנדיקע פעלקער, וואָס זענען אַזוי אָפט באַטראַכט געוואָרן ווי זייערע קעגנער. ווען דעם היסטאָריקער ווערט געשטעלט די פראַגע, וואָס איז דאָס נייע וואָס די גריכישע פילאָזאָפיע האָט אַריינגעבראַכט אין דער וועלט, ענט־פערט ער: ד ע נ ק ע ן אין קעגנזאַץ צו מ י ט א ָ ס ־ ש א ַ פ ו נ ג. „דענקען" מיינט „זיך אָפּגעבן רעכנשאַפט", שטיצן אַ געוויסע באַטראַכ־טונג מיט אַלגעמיינע אַרגומענטן און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען עס פון אַ „מיינונג" אין אַן „אמת". אַ מיטאָס איז די פאַרשטעלונג פון אַ דערפאַ־רונג אין טערמינען פון חושים און פאַרשטעלונגס־קראַפט. אין בעסטן פאַל איז עס אַ דראַמאַטישער אויסדרוק פון אורשפּרינגלעכע פאַקטן; אָבער עס קאָן זיין אויך ערגער: דאָס פאַרבייטן פון פאַקטן דורך פיקציע. וואָס די פונקציעס פון מיטאָס זאָלן נישט האָבן געווען (און זיי דויערן נאָך ביז היינט) אין פּרימיטיוון טראַכטן, זענען קלאָר די קאָנסעקווענצן פאַר דער ציוויליזאַציע. דער מיטאָס נאַרט אָפּ דעם שכל, וועלכער ווערט פאַרזונקען אין פיקציעס און פאַרלירט דעם קאָנטאַקט מיט דער רעאַלי־טעט. דענקען איז אַ פּרווו צו שטעלן זיך פנים אל פנים מיט דערווירק־לעכקייט און פאַרוואַרפן פיקציעס.

דער העכסטער פּראָדוקט פון דער דענקונגס־קראַפט איז די וויסנ־שאַפט, און גריכישע וויסנשאַפט איז ענג פאַרבונדן מיט גריכישער פי־לאָזאָפיע. וויסנשאַפט מיינט דערקלערן אַלץ וואָס פאַסירט. און ווייל די

דערקלערונגען זענען אַלעמאָל אַלגעמיין, ווערט וויסנשאַפט פון מאָל צו מאָל מער פאַרשטענדלעך: זי בינדט צוזאַמען יעדעס מאָל אַלץ גרעסערע גרופּעס פון פּאַסירונגען אין שטענדיק ברייטערע פּאַראַלגעמיינערונגען. עס איז אַזוי אַרום אַן אַקטיוויטעט פון פאַרייניקונג. און איר אידעאַל איז צו באַגרייפן די נאַטור אַלס איין גאַנצעס. איר שטרעבונג, און אין אַ שטענדיק־וואַקסנדיקער מאָס אירע דערגרייכונגען, זענען מאָניסטיש.

אויף אַזוי ווייט שיינט עס, אַז די גריכישע פילאָזאָפן און די פּאַ־טערס פון יידישן געדאַנק האָבן זיך באַוועגט אין דער זעלביקער ריכטונג, און עס וועט געוויס זיין אַ טעות צו דענקען, אַז איין געדאַנקענגאַנג שליסט אויס דעם צווייטן. דאָך איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן ביי־דע, ווייל זייערע וואָרצלען זענען אין פאַרשידענע אורשפּרינגלעכע גע־ביטן פון אינטערעס. פאַר די גריכן האָט די וועלט, ווי עס שיינט, גע־מיינט — נאַטור; פאַר די יידן — מענטש. פאַר די יידן איז די נאַטור געווען די בינע אויף וועלכער דער מענטש שפּילט זיין ראָלע. די ערשטע פינף טעג אין דער דערציילונג פון וועלט־באַשאַף אין ספר בראשית האָבן אויפגעשטעלט די בינע פאַר דער שאַפונג פון דעם מענטשן אויפן זעקסטן טאָג.

זי, די נאַטור, אַלס אַ פעלד פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג איז, מער ווייניקער, באַשטימט. אַן רעגולאַריטעט און אַן אַלגעמיינקייט איז נישטאָ קיין נאַטור צו באַאָבאַכטן און באַריכטן דערוועגן. עס איז דורך דער באַאָבאַכטונג פון ווידערהאָלטן, וואָס די וויסנשאַפט קאָן צושטעלן איר באַריכט וועגן דעם, וואָס קאָן זיך ווידערהאָלן. דער אינטערעס פון וויסנשאַפט איז אין פאָרויסזאָגונג. און ווען אפילו אַלע פאָרויסזאָגונ־גען באַציען זיך צו איינצלנע פאַלן, זענען די וויסנשאַפטלעכע פאָרויס־זאָגונגען איינגעראַמט אין דער ראַם פון אַלגעמיינע געזעצן. די באַטאָ־נונג איז אויף אַזאַ אופן אויף דעם אַלגעמיינעם, נישט אויפן באַזונדערן: אויף דעם, וואָס איז בשותפותדיק פאַר אַלעמען, נישט באַזונדער פאַר יעדן.

אין דער ספערע פון מאָראַל איז מאַסגעבנדיק דאָס פאַרקערטע. דאָ איז וויכטיק די פּערזענלעכע האַנדלונג. עס קאָן זיין אַ קליינער חילוק

פון מענטש צו מענטש, אָבער פאַר דער מאָראַל איז אָט די קליינקייט פון גרויס וויכטיקייט. פאַרשידנקייט, סיי אין פערזאָנען, סיי אין אומ־שטענדן, איז דער עצם מהות פון איר עקזיסטענץ. ווייל מאָראַליטעט באַ־דייט פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיינט אויס־וואַל, און אויסוואַל איז מעגלעך בלויז צווישן אַלטערנאַטיוון. בכדי דער מענטש זאָל זיין מאָראַליש, מוז ער זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, און בכדי די מעשים זאָלן טאַקע זיין ז יי נ ע אייגענע, מוז ער זיי האָבן געהאַט אויסגעקליבן. אַז עס איז פאַראַן אַ ברירה, ווערט געלערנט אין אַלע טיילן פון תנ״ך; סיי גוטס, סיי שלעכטס זענען אָפּן פאַרן מענטשן. די וואָרענונג פון געזעצגעבער, דער רוף פון דעם נביא, די תפילה פון דעם תהילים־זינגער איז, אַז דער מענטש זאָל זיין גוט; אויס־וויילן שלעכטס באַדייט אומגליק און טויט. אָבער דער מענטש קאָן, אויב ער וויל, אויסקלייבן שלעכטס, די ברירה איז ביי אים.

אין אייניקע שטעלן דערשיינט גאָט ווי ער וואָלט זיך אויסגעטענהט מיטן מענטשן, אין אַנדערע, ווי ער וואָלט אים געדראָט. אָבער סיי דאָס דראָען, סיי דאָס איינטענהן, דינט נאָר צו דערווייזן און באַטאָנען, אַז מעשים טובים זענען נישט מעכאַניש. פאַראַן אויך שווערע פאַלן — ווי, למשל, דאָס האַרט מאַכן דאָס האַרץ פון פרעה — וואָס האָבן באַשעפטיקט די חריפות פון טעאָלאָגן אין משך פון יאָרהונדערטער, אָבער דער אַלגע־מיינער געדאַנקען־גאַנג איז קלאָר. דער מענטש האָט אַן אייגענעם איך, צו וועלכן מען קאָן אַפּעלירן. און דער אַפּיל קאָן אַמאָל האָבן דערפּאָלג. מצד גאָט איז נישטאָ קיין אָפּהאַלט. ער געניסט נישט פון טויט פון רשע. ער ווערט, אדרבא, פאַרגעשטעלט צו זיין שטענדיק גרייט צו פאַרבייטן דעם שלעכטן גזר דין, ווען אפילו דאָס איז נישט ווילגעפעלן יונהן, וואָס זעט אין אַזאַ געטלעכער שוואַכקייט דעם דורכפאַל פון זיין נביאישער פּראָפעסיע. אָבער אויף ד ע ם פונקט, און בלויז אויף דעם איינעם איז כביכול איינגעשפּאַרט. ער וויל נישט צעשטערן דאָס, וואָס ער קאָן אויס־בעסערן. דאָך האָט ער נישט געלאָזט די אויסבעסערונג אין זיינע אייגענע הענט; עס איז די האַנט פון מענטשן, וואָס קאָן, אויב ער וויל, רעפאָר־מירן, און איבערשאַפן זיך אַליין.

אויף אַזאַ אופן איז די מאָראַלישע טאַט דער טרעף־פּונקט צווישן דעם געטלעכן און דעם מענטשלעכן. פּונקט ווי תשובה שאַפט אַ נייעם מענטשן, אַזוי איז דער מענטש, אין יעדער גוטער טאַט, אַ שותף צו מעשה בראשית, לויט ווי די חז״ל האָבן עס פאָרמולירט.

9) ווי מיר זעען, באַזירט זיך דער יידישער געדאַנק אויף דער אי־דעע פון וועלט־באַשאַף, וואָס איז זיין אויסגאַנגס־פּונקט. אָבער וועלט־באַשאַף איז נישט סתם אַזוי זיך אַן אינזשענערן־אַרבעט, אויספירן אַ פּראָיעקט און פאַרלאָזן אים. גאָטס שאַפונג איז פּערמאַנענט. עס איז נישט אויסגעשעפּט געוואָרן בלויז אין זעקס טעג. די וועלט פון די ששת ימי בראשית מעג טאַקע זיין „זייער גוט״, אָבער, ווי די תנ״ך־דערציילונג וועגן ערשטן מענטשן זאָגט עס עדות, איז זי נישט פולקאָם. בכדי זי זאָל דערגרייכן פולקאָמקייט, מוז דער שאַפונגס־פּראָצעס פאָרגעזעצט ווערן. און ער איז נאָך אוודאי אין פולן גאַנג: ווייל די שאַפנדיקע אַקטי־וויטעט פון גאָט אונטערשיידט זיך פון דער אינזשענערן־פעאיקייט פון מענטשן מיט דעם, וואָס די זאַכן וועלכע ער שאַפט זענען אַליין שעפע־ריש. אין דער איינפאַכסטער פאָרעם, (ווען אפילו דאָ איז נישט פאַראַן דער כוח פון אָנפאַנגען) קאָן מען זען די אנאלאָגיע צו דעם אין דער פי־זישער וועלט מיט אירע „פלאַנצן וואָס געבן אַרויס זריעה״ און „פרוכט־ביימער וואָס געבן פּירות מיט זריעה״, און אין דער פרוכטבאַרער באַ־פעלקערונג פון לעבעדיקע וועזנס מיט פולסירנדיקן לעבן פון יעדן מין. אָבער אין פולקאָמען און ריכטיקן זין קאָן דאָס געזען ווערן נאָר אין דער וועלט פון די מענטשלעכע מעשים.

ווייל מענטשלעכע טואונג איז נישט קיין נאַטירלעכער פּראָצעס. עס איז נישט אומפאַרמיידלעך, נישט פאָרויסבאַשטימט פיזיש פון דרויסן, אָדער ביאָלאָגיש פון אינעווייניק. עס איז וואָס מיר ט ו ע ן, נישט דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט אונדז. און וואָס מיר טוען איז דער רעזול־טאַט פון מאָראַלישן אויסוואַל און שטאַמט פון כאַראַקטער, ווייל ער וואָרצלט אין מאָטיוון און אַבזיכטן. אין אַ מאָמענט פון אַנטשיידונג שאַפט דער מענטש דעם וועג אויף וועלכן ער דאַרף גיין. דורך אויסגע־קליבענע טואונגען איז דער מענטש שטענדיק שעפעריש; און זיין שע־

פערישקייט, אין איר בעסטער און פולסטער מאָס, איז אידענטיש מיטן געטלעכן שאַפונגס־פּראָצעס: עס איז אַן אויסוואַל פון „לעבן".

דאָס איז דער באַדייט פון דער שטענדיקער תפילה וועגן אַ „ניי הארץ", אָדער „אַ נייעם גייסט", פון „אויסשטרעקן די הענט" און „אויס־גיסן דאָס האַרץ". דער מענטש איז מתפלל עס זאָל אים געגעבן ווערן דער כוח ער זאָל זיין ע ר גופא, און זאָל אויפנעמען זיין פּאַרבאַשטי־מונג. ווען דער בונד מיט גאָט איז פאַרשריבן אין מענטשנס האַרצן, ווערט דאָס טראַנסצעדענטאַלע פולשטענדיק אימאַנענט. די נשמה פון דעם מענטשן ווערט באַטראַכט ווי „דאָס ליכט פון גאָט, וואָס נישטערט אַלע ווינקעלעך פון מענטשנס אינגעווייד". און דאָס גרויסע וואָרט פון געזעצגעבער, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, געפינט אַזוי זיין פולסטע רעאַליזאַציע: „ווייל די מצווה, וואָס איך פאַרזאָג דיר היינט, איז נישט צו שווער פאַר דיר און נישט ווייט פון דיר. עס איז נישט אין די הימלען, אַז דו זאָלסט זאָגן, ווער וועט אַרויפגיין אויפן הימל און עס אונדז פון דאָרטן ברענגען, און עס אונדז לאָזן הערן, אַז מיר זאָלן עס טאָן. און עס איז אויך נישט פון יענער זייט ים, אַז דו זאָלסט זאָגן, ווער וועט פאַר אונדז אַריבער דעם ים און עס אונדז ברענגען פון דאָרט און עס אונדז מאַכן הערן אַז מיר זאָלן עס טאָן. נאָר עס איז זייער נאָענט צו דיר, אין דיין מויל און אין דיין האַרץ, דו זאָלסט עס קאָנען טאָן".

10) די לעצטע פראַזע „דו זאָלסט עס קאָנען טאָן" איז ווערט באַ־מערקט צו ווערן. זי איז די וועזנטלעכע דערגענצונג פון דעם וואָס קומט פריער. גוטסקייט איז נישט קיין טעאָריע אָדער פרומער ווונטש, עס איז טאַט, און טאַט וואָס איז פאַרזאָגט געוואָרן. אַזוי האָבן אונדז די נביאים געלערנט אַז „דערקענען גאָט" באַדייט צו ריכטן דעם משפט פון אָרעמען און נויטבאַדערפטיקן, און אפילו דאָס פּאָלקסטימלעכע ספר משלי זעט גאָט־לעסטערונג אין אונטערדריקונג, און ערן גאָט — אין טאָן טובות צו דעם ברודער מענטש. רעליגיע איז נישט אַ טעאָלאָגישע וויסנשאַפט אָפּ־געריסן פון טאָג־טעגלעכע נויטן, צי אַן אויסוואַקס אָדער פירוש אויף דעם. גאָט גייט אַריין אין לעבן פון מענטשן אין זיינע איינפאַכסטע באַ־ציאונגען, און רעליגיע איז אַ וועג פון לעבן, אַ פולשטענדיקער, וואָס באַנעמט אַלץ.

ווייל די צורה פון רעליגיע איז נישט אָפּטיילבאַר פון איר חומר; פאָרעם און חומר זענען דערין איין אומצעטיילבאַרע איינהייט. בלויז צערעמאָניע איז בעצם גאָרנישט. אַלע אויסערלעכע אויסדרוקן שפּיג־לען אָפּ אינערלעכן אמת. און ווען אויסערלעכע אויסדרוקן ווערן ווערטפול פאַר זיך גופא און פאַרבייטן די אינערלעכע רעכטפאַרטיקייט, הייבט זיך אויף דער קול פון די נביאים מיט צעשמעטערנדיקע באַשול־דיקונגען. אָבער „אויסערן" און „אינערן" זענען בלויז גשמיותדיקע מע־טאַפאָרן וואָס שפּיגלען פעלערהאַפט אָפּ דאָס גייסטיקע. אַ הייליק לעבן ווערט דעפינירט דורך מעשים און גרייטקייט צו מעשים, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן אין דער תורה, אין די נביאים, און אין די כתו־בים, און מאַכן אויס אַ קאָנקרעטע פולקייט פון לעבן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יידישן געדאַנק איז דאָס וואָס ער בלייבט קיינמאָל נישט אין די ספערן פון אַבסטראַקציעס, נאָר ער ווערט קאָנ־קרעטיזירט אין באַשטימטע אַקטן און געוויסע אינסטיטוציעס. אויפן זעל־ביקן אופן ווי גערעכטיקייט איז נישט קיין אָביעקט פאַר אנאַליטישע טקלאַ־וטריאַ'עס, נאָר עס איז די אָנווייזונג נישט צו נוצן קיין פאַלשע וואָג, נישט נעמען כאַבאַר, האָבן דרך־ארץ פאַר מענטשן, אַזוי ווערט די אידעע פון פרייהייט קאָנקרעטיזירט דורך עסן מצות אום פּסח, די אי־דעע פון אָפּהענגיקייט אין זיצן אין סוכה. (די דאָזיקע ימים־טובים זענען אפשר אַמאָל געווען נאַטור־פייערלעכקייטן, זענען אָבער פּונקט ווי דער שבת איבערגעאַנדערשט געוואָרן). דאָקטרינע איז אויסגעדריקט אין טאַט, טאַט פאַרקערפּערט דאָקטרין; אָדער, ריכטיקער, דאָקטרין און טאַט איז איינס. דער עיקר איז די באַדייטונגספולע טאַט. דאָס איז דער תענית וואָס מיר ווילגעפעלט, שרייט אויס איין פּראָפעט: באַפרייען דעם אונ־טערדריקטן, געבן ברויט דעם הונגעריקן; צעררייסט אייערע הערצער, נישט אייערע קליידער, לערנט אַ צווייטער; און אַ דריטער זאָגט: לאָמיר דער־הייבן אונדזערע הערצער אייַנצייטיק מיט אויפהייבן אונדזערע הענט. ווי די פילאָלאָגן לערנען וועגן דער העברעאישער שפּראַך, איז איר צענטער דער ווערב, וואָס דריקט אויס טאַט, מער ווי דער נאָמען, וואָס דריקט אויס אַ זאַך אָדער צושטאַנד. די אַבסטראַקטע אידעע וועגן דער נייער

שאַפונג פון דעם אינדיווידואום, אויסגעדריקט אין ברית־מילה און שפּע־טער אין טבילה, האָט באַקומען אַ שטענדיקן אויסדרוק אין דעם וועזנ־טלעכן שבת און אין יום־כפור. די אַבסטראַקטע אידעע פון דער שאַפונג פון אַ נייער געזעלשאַפט ווערט קאָנקרעטיזירט אין דער פיזישער פיגור פון אַ רעגירער פון בית דוד (משיח) און דער באַשרייבונג פון דער ערא וואָס ער וועט עפענען. אָבער איידער מיר קומען דאָס גענויער צו באַ־טראַכטן, מוזן מיר זיך צוריקקערן צו דעם פּראָבלעם פון וויסנשאַפט און דער שטעלונג צו איר פון יידישן געדאַנק.

11) עס איז געווען אַ שפּעטערדיקער גריכישער קריטיקער וואָס האָט געזען דעם טיפּישסטן אויסדרוק פון דערהויבענעם אין די מאמרים „יהי אור" — עס זאָל ווערן ליכט, און עס איז געוואָרן ליכט; „זאָל ווערן די וועלט" — און די וועלט איז געוואָרן: דער יידישער געזעצגעבער — זאָגט ער — אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש, האָט אַ פּאַסיקן באַגריף וועגן דעם כוח פון גאָט. און האָט געפונען אין די אויבנדערמאָנטע ווער־טער אַ פּאַסיקן מיטל פאַרן אויסדרוק פון דעם כוח. דער יידישער געדאַנק הייבט אָן מיט גאָט ווי אַ שאַפנדיקער קראַפט.

דער גריכישער אינטערעס איז געווען די געשאַפענע נאַטור, און דער גריכישער געדאַנקען־גאַנג שטרעבט צו זיין דעדוקטיוו. זיין אידעאַל און העכסטע דערגרייכונג זענען געווען געאָמעטרישע באַווייזן. דער יאָנישער טעמפּעראַמענט האָט, ווי עס שיינט, געהאַט אַ געוויסע נטיה צו עקספּע־רימענטירן, און די גריכישע מעדיצין איז באַגרינדעט אויף באַאָבאַכטונג. אָבער די מאַטעמאַטישע נייגונג האָט גובר געווען; און דער צוועק פון וויסנשאַפט איז באַגריפן געוואָרן ווי דאָס רעדוצירן אַלע באַאָבאַכטעטע דערשיינונגען צו איין אינטעלעקטועלן פּרינציפּ, פון וועלכן זיי קאָנען אַלע אַרויסגעדרונגען ווערן.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אַז אָט דער שטרענגער אינטעלעק־טואַליזם האָט געפירט צו דער ענדגילטיקער פרוכטלאָזיקייט פון דער גרי־כישער וויסנשאַפטלעכער אינספּיראַציע. איר וועלט איז נישט גענוג ברייט, איר פעלד איז צו באַשרענקט. פאַרן אויפלעבן פון דער וויסנ־שאַפט אין די נייע צייטן, איז נויטיק געווען אַ ברייטערע וויזיע פון

שטענדיק נייע מעגלעכקייטן. דאָס איז געגעבן געוואָרן דורך דער יידי־שער דאָקטרין פון וועלט־באַשאַף, ווייל גאָטס שעפערישקייט קען מען נישט פאָרויסזאָגן. און, אויף וויפיל דעם מענטשנס שכל קען עס תופס זיין, שליסט עס איין דאָס אומפאָרויסזעבאַרע אין באַשאַף. דער קוואַל פון „ז יי ן" איז שעפערישער ווילן, וואָס שאַפט „אומצאַליקע וועזנס אויף אומצאָליקע אופנים". אַזוי אַרום באַקומט זיך אַז דער אוניווערז איז אָפן, נישט געשלאָסן; און אַן אָפענער וועלט־אַל פאָדערט און קרעפטיקט אַן אָפענעם שכל.

די וויסנשאַפט פון אונדזערע צייטן הייבט אָן באַשיידן. זי אנער־קענט, אַז דער אוניווערז איז סודותפול. זי האָט איבערגעוועלטיקט די אַראָגאַנץ פון ניינצנטן יאָרהונדערט, און זי שעמט זיך נישט צו בלייבן דערשטוינט אין אַנוועזנהייט פון נישט־באַוווסטן. זי זעט נישט דעם ענט־גילטיקן וועג צו די סודות פון דער נאַטור. דאָס קאָן פאַרשטאַנען ווערן ווי דער פאַרזוך פון גריכישן גייסט זיך צו פאַרמעסטן ביז צו דער וועלט פון אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן ווי דער יידישער געדאַנק האָט עס אונטערגעזאָגט.

12) זאָל עס זיין ווי עס וויל, דער עיקר פון אונדזער אַרגומענ־טאַציע איז, אַז כאָטש דער יידישער געדאַנק האָט זיין צענטער אין מאָ־ראַל, לייקנט ער אָבער נישט די וויסנשאַפט. אין ערגסטן פאַל, איז ער אין דעם בלויז נישט פאַראינטערעסירט. אין בעסטן פאַל, גיט ער דער וויסנשאַפט אָט די שטענדיק־איבערפולטע פולקייט פון ז יי ן, וואָס אָן איר וואָלט די וויסנשאַפט געוועזן פאַרמשפט צו זיין אַ מין טעאָרע־טיש טאָפּטשען זיך אויף איין אָרט. און ער באַמוטיקט די פאָרשונג דורך זיין אָנווונקען אַז אונדזערע האָריזאָנטן זענען נישט ענדגילטיק און אונדזערע דערקלערונגען זענען נישט דער גאַנצער אמת. אַ סך וועלן האָבן צו לויפן הין און צוריק, איידער דאָס וויסן וועט פאַרגרעסערט ווערן.

מיר קאָנען צוגעבן נאָך אַ געדאַנק, וואָס איז אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן אָנזיכטיק דורך די פאָרשער פון דער געשיכטע פון וויסנ־שאַפטלעכע אידעען. דער עצם באַגריף פון נאַטור־געזעצן, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דער וויסנשאַפט, שטאַמט אין אַ גרויסער מאָס פון דער

טעאָלאָגיע און פון „וואָרט“ און „געבאָט“ פון גאָט. דער יידישער גע־דאַנק האָט געגעבן אַ ראַציאָנעלע באַמוטיקונג דער וויסנשאַפט, דורך מרמז זיין אויפן רצון און חכמה פון גאָט, ווי אויף אַ גרונט פאַר דער עקזיסטענץ פון געזעצן, וואָס קאָנען אויסגעפונען ווערן.

דאָס ווערט באַשטעטיקט נישט נאָר דורך שפּעטערדיקע שפּעקו־לאַציעס, נאָר אויך דורך די ביבלישע טעקסטן גופא. גאָט איז נישט קאַפּריזנע. מיר מעגן טאָקע נישט פאַרשטיין פאַרוואָס ער טוט מעשים, אָבער ער טוט זיי מיט חכמה, מאָס און אָרדענונג. זיין וואָרט האָט גע־שאַפן די וועלט אין פאַרשיידענע אָפּטיילן און פאַר יעדן יידן אָנגעצ־ייכנט זיין פּלאַן. דער בונד מיט נחן שליסט איין דעם צוזאָג פון קאָנטי־נואיטעט אין דער פיזישער וועלט. אַזוי אַז: „כל זמן די וועלט איז אַ וועלט, וועלן צייט פון זייען און צייט פון שניידן, קעלט און היץ, זומער און ווינטער, טאָג און נאַכט — נישט אויפהערן“. אַזוי ווערט געזאָגט אין בראשית, דעם בוך פון אָנפאַנג. אויך די נביאים האָבן גענומען אַלס בייִ־שפּיל פון אייביקייט די פּראָצעסן פון דער פיזישער נאַטור. גאָט, זאָגן זיי, האָט אַ בונד מיט טאָג און נאַכט, אַז זיי זאָלן אַלעמאָל קומען אין צייט, און דער „בונד“ וועט קיינמאָל נישט געבראָכן ווערן. דער אויבער־פלאַכיקסטער בליק אויף די ביישפּילן פון תנ״ך באַווייזט ווי ענג דאָס לעבן איז פאַרקנופּט מיטן באַגריף פון אַן אָרדענונגס־מעסיקן גאַנג פון דער נאַטור: „ווי שניי אום זומער, און רעגן אין שניטצייט, פּאַסט זיך נישט קיין כבוד פאַר אַ נאַר!“

געוויס האָבן מיר דאָ נישט די נייגיריקייט פאַר די איינצלהייטן פון דעם נאַטור־פּראָצעס, וואָס האָט ביי די יאָנישע גריכן געשאַפן דעם אָנהויב פון דער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט; אָבער אויב עס איז נישטאָ קיין נייגיר, איז אָבער פאַראַן באַוואונדערונג, און די תהילים־געזאַנגען זע־נען אפשר ווייניקער אויפפעליק, דערפאַר זענען זיי טיפער ווי די כתבים פון די נביאים, אָטעמען מיט אַ טיפן געפיל פאַר איינהייטלעכ־קייט הינטער דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער נאַטור. די הימלען דער־ציילן די גלאָריע פון גאָט; דאָס ליכט איז זיין קלייד, די וואָלקנס זיין רייטוואָגן. דער פאַרפאַסער פון תהילים מזמור 139 באַווייזט ווייניק

באקאנטשאַפט מיט עמבריאָלאָגישע פּרטים, אָבער ער ווייסט נישט ווייניקער פון דעם גריכישן פּאָעט, אַז דער מענטש איז „וווּנדערפול און אויף אַ מערקווירדיקן אופן באַשאַפן".

דאָך איז דער מאָראַלישער אינטערעס דער שטאַרקסטער. אויב די הימלען דערציילן די גלאָריע פון גאָט, איז זיין ווילן דערקלערט פאַרן מענטשן אין די געזעצן פון לעבן; און אָט די געזעצן, נישט די פאַקטן פון דער אַסטראָנאָמיע, וואָס זענען „אַ ליכט צו די אויגן" און „זיסער פון האָניק". אָבער פאָרשן די נאַטור איז נישט פאַרבאָטן. דער מחבר פון איוב וואָלט געוויס הנאה געהאַט אין צוגעבן עפּעס צו זיין לייסטער פון נאַטור־ווונדער; און גאָט אַליין פאַרדינט ביים נביא אַ באַזונדערן לויב, ווייל ער ווייסט די נעמען פון אַלע שטערן.

13) דאָס באַקומט אַ ספּעציעלע וויכטיקייט ווייל אין מיטלאַלטער קומט אויף און ווערט דערלאָזט צווישן פילאָזאָפיש־געשטימטע יידן אַ מין פאַרערונג פון וויסנשאַפטלעכע קענטענישן ווי אַ פאַרבאַדינג צו רעליגיע. די דאָזיקע שטעלונג לגבי וויסנשאַפט האָט אויסגעאיבט, דורך שפינאָזאַ, אַ גרויסן איינפלוס אויף די איראָפּעאישע מוחות, און דאָס איז כדאי צו פאַרגעדענקען צום שבח מחמת מיר קאָנען עס קעגנשטעלן צו דעם שלעכט באַנוצן געוויסע ביבלישע טעקסטן, וואָס האָבן געגעבן פּלאַץ פאַר אַ טרויעריקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון רעליגיע, אַ קאַפּיטל וואָס איז נאָך ווייט נישט געשלאָסן. איך באַצי מיך צו די אַזוי גערופענע קאָנפליקטן צווישן וויסנשאַפט און גלויבן. לאָמיר נעמען דעם קלאַסישן ביישפּיל דערצו.

דער תהילים־זינגער זאָגט, אַז די גרונטן פון דער ערד זענען פעסט און קאָנען נישט גערירט ווערן פון זייער אָרט. מיט דעם מיינט ער, מסתמא, אַז די פיזישע וועלט איז אין הענט אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן. אויף זיין אייגענעם שטייגער חזרט ער איבער דעם צוזאָג פון גאָט נאָכן מבול, און גיט דערמיט דעם נאַטור־פאָרשער פונקט די זיכערקייט וואָס ער האָט נויטיק, נעמלעך, די זיכערקייט, אַז די וועלט איז אַ סטאַבילער ענין, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן צו פּלוצלינגע און נישט־שכלדיקע ענדערונגען. ער מאַכט אַן אַלגעמיינע דערקלערונג, אַז די וועלט

איז געאָרדנט, און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די זעלבע פּראַזע וועגן דער גרונטגעפעסטיקייט פון דער ערד ווערט באַנוצט אין שייכות מיטן לעצטן יום־הדין, ווי אויף מרמז צו זיין אַז עס איז דאָ נאָר *איין* קוואַל סיי פאַר פיזישער, סיי פאַר מאָראַלישער רעגלמעסיקייט. אָבער דער תהילים־זינגער פאָרמולירט נישט קיין פּיזישע טעאָריע; און אויב זיינע ווערטער זענען גענוצט געוואָרן אין אָט דער לעצטער הינזיכט בכדי אָפּצופרעגן גאַלילעא, איז עס נישט די שולד פון דעם תהילים־זינגער. אויך דער ערשטער קאַפּיטל פון בראשית איז באַנוצט געוואָרן אויף אָפּצוואַרפן די רעזולטאַטן פון דער געאָלאָגיע און די טעאָריע פון עוואָלוציע; ווען ער וואָלט פאַקטיש פאָרגעלייגט געוואָרן ווי דער ווערטלעכער און ענדגילטיקער אמת וועגן דעם פיזיקאַלישן און ביאָלאָגישן באַשטאַנד פון דער וועלט, וואָלטן זיך די בעלי־אמונה געפונען אין אַ היפּש שווערער לאַגע. די פראַגע איז, צי איז טאַקע דער קאַפּיטל אַזוי פאַרטראַכט געוואָרן, און צי איז געווען די כוונה, אַז ער זאָל פאַרפליכטן די צוקונפטיקע דורות מער פון דעם נאַטור־מיסטיציזם פון קאַפּיטל 104 (ברכי נפשי), אָדער פון די סקעפּטישע רייד פון אגור בן יקה אין משלי.

לאָמיר לאָזן דאָס פּראָבלעם פאַר די טעאָלאָגן, און זיך צוריקקערן צו אונדזער עיקר פּראָבלעם, דעם אינהאַלט פון יידישן שטאַנדפּונקט. מיר האָבן שוין געזען, אַז ער איז הויפּטזעכלעך אַ מאָראַלישער. דאַרפן מיר איצט דערגרונטעווען, וואָס פאַר אַ קרייז פון אידעען גרופּירן זיך אַרום אָט דער צענטראַלער אָריענטאַציע. דער ערשטער ענטפער וועט זיין: געשיכטע, און אַלץ וואָס היסטאָריע באַדייט סיי פאַר דעם יחיד, סיי פאַר דער געזעלשאַפט.

14) מיר האָבן שוין געזען ווי די גריכן האָבן, אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון נאַטור־וועלט, געשאַפן די וויסנשאַפט, בעיקר די מאַטעמאַטישע וויסנשאַפט. זי, די וויסנשאַפט, און בעיקר מאַטעמאַטישע וויסנשאַפט, האָט אַלעמאָל געהאַט שוועריקייטן מיטן ענין צייט. דער וויסנשאַפטלעכער אמת איז צייטלאָז, אָדער איבער צייט. צייט איז די מאָס פון ענדערונג; אָבער וויסנשאַפטלעכער אמת, שטרענג גערעדט, איז אומפאַרענדערבאַר. דער ציל פון דער וויסנשאַפט איז ביז נישט לאַנג צוריק באַגריפן געוואָרן ווי די אַנטדעקונג פון אייביקן אמת.

די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטאַנדפונקט פון דער מענטשלעכער וועלט, איז פאַר זיי צייט דאָס אַלוויכטיקסטע. די וועלט פון מענטשן, ווי די וועלט פון גאָט, איז אַ וועלט פון ווילן, זי שליסט איין פּראָצעסן, ד"ה צייט. נאָכאַמאָל, די וועלט פון מענטשן ווי די וועלט פון גאָט, איז אַ וועלט פון טאַט, און טאַט האָט אויסוויקלונג, און דער עיקר פון אויסוויקלונג איז דאָס, וואָס עס איז אַ פועל יוצא פון עפּעס וואָס איז געווען פריער: ווידעראַמאָל — צייט. עס איז נויטיק צייט אויף אויסצואַרבעטן פּלענער. עס מיינט די מעגלעכקייט פון אויסבעסערונג ווי פון דורכפאַל. אָן צייט איז נישטאָ קיין צוועק אָדער ברירה.

ווען מען עפנט דעם תנ"ך געפינט מען אַ סיפור־המעשה וואָס גייט אַריבער שנעל פון אדם צו נחן, פון נחן צו אברהמען. אדם, דער מענטש, באַשאַפן אין גאָטס־געשטאַלט, איז דער פיזישער און דער גייסטיקער פּאַרפּאָטער פון דער מענטשהייט. נח איז איר צווייטער פיזישער באַגרינדער. פון אים מיט זיינע זין שטאַמען „אַלע פעלקער פון דער ערד"; און די רשימה פון די דורות פון זינט דעם מבול איז באַזונדערס באַלערנדיק: זי שטעלט צו אַ דעטאַלירטן אָפּשטאַם־בוים פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ פיזישער ווידערגעבורט. עס איז אָבער אויך נויטיק געווען אַ נייע מאָראַלישע התחלה. ווייל די מענטשהייט איז, ווי איר ערשטער פאָטער, ענלעך אין איר כאַראַקטער צו דער גאָטהייט, און איר אויפגאַבע איז צוריקצוגעווינען און אָנהאַלטן אָט די ערשטע נאַטור אירע. דער וועג איז געוויזן געוואָרן פון אברהמען, און דערפאַר טראָגט ער די משא און דעם זכות פון אַ מיסיע. ער איז גערופן געוואָרן צו לערנען, דורך זיין אייגענער פאַמיליע, די גאַנצע מענטשהייט. ער האָט געדאַרפט איינגעווינען זיינע „קינדער און אַלע וואָס שטאַמען אָפּ פון אים, צו היטן די וועגן פון גאָט, ד"ה צו טאָן דאָס גוטע און גערעכטע". און דער תנ"ך איז דער פועל יוצא פון אָט דעם באַגריף אין זיין אויספיר פאַר יידן און פאַר דער מענטשהייט בכלל.

אַזוי איז היסטאָריע פאַרן יידישן געדאַנק — דערציאונג. וואָס אויף דער וועלט איז פאָרגעקומען איז פאַר אים קיינמאָל נישט געווען אַ קרייז־פּראָצעס, ווי אין געוויסע גריכישע דענקונגען, אַ צוועקלאָזע קאָמבי־

באַציע פון קעגנזאַצן, וואָס קאָמבינירן זיך, צעפאַלן זיך און קאָמבינירן זיך ווידער. עס איז, אדרבא, פאַראַן אַ צוועק צו וועלכן צו שטרעבן און וועלכן צו דערגרייכן, אַ צוועק אַ פאַרשטענדלעכער, וואָס קאָן געשטעלט ווערן פאַרן באַוווסטזיניקן שכל.

דאָס איז היסטאָריע. היסטאָריע איז נישט בלויז אַ פאַרצייכענונג פון אַ קייט פּאַסירונגען. עס איז אַ פאַרזוך צו באַגרייפן פּאַסירונגען לויט זייער מאָדעל. די ביבלישע דערציילונג גיט אונדז אַ סכעמע פון סאַמע אָנהויב און גרופּירט די פּאַסירונגען בהסכם מיט אָט דעם בראשית. אייניקע זענען מער צוגעפּאַסט, אַנדערע ווייניקער; אייניקע זענען וויכטיק, אַנדערע נישט. אַ קלאָרער ביישפּיל איז די דערציילונג אין ספר מלכים, ווו מעכטיקע מלכים ווערן אָפּגעפּאַרטיקט בקיצור מיט דער גרינגשעצנדיקער באַמערקונג, אַז זיי האָבן געבראַכט יידן צו זינדיקן. מען קען אויך דערמאָנען די תפילה פון נחמיה פאַר וועמען דאָס באַשאַפן פון דער וועלט, דאָס אויסדערוויילן אברהמען און די באַפרייאונג פון מצרים, שיינען צו זיין אַ גענוגנדיקער שליסל צו אינטערפּרעטירן דאָס מענטשלעכע לעבן. דער עיקר איז דאָ נישט צי די דאָזיקע „פילאָזאָפיעס פון געשיכטע" זענען ריכטיק, נאָר דאָס וואָס דאָ איז בכלל פאַראַן אַ „פילאָזאָפיע פון געשיכטע".

דער מאָדעל איז נישט באַגרעניצט צו איין אייציקן פאָלק. ער נעמט אַרום „אַלע משפחות פון דער ערד". נישט נאָר ווערן זיי באַשטראָפט ווי זיי פאַרדינען פאַר מאָראַלישע זינד, בעיקר, פאַר ברעכן אַ שבועה און אוממענטשלעכע אויפפירונג אין מלחמה, נאָר זיי האָבן אויך אַ חלק אין די ברכות: „מצרים מיין לאַנד און אשור דאָס ווערק פון מיינע הענט". אַלע, צוזאַמען מיט ישראל, זענען די אונטערטאַנען פון איין גאָט, געצייג פאַר זיינע אויפטוען („אוי, אשור, די רוט פון מיין צאָרן!") אויף איין וועלט. אין אַ באַרימטער שטעלע ווערט כרש, דער מלך פון פרס, גערופן גאָטס פּאַסטוך, און נאָך מער, דער „געזאַלבטער" פון גאָט, — משיח אין העברעאיש — עס מיינט צו זאָגן זיין אויסדערוויילטער דינער, באַשטימט אויסצופירן זיינע צוועקן אין דעם שטח פון צייט וואָס איז היסטאָריע. די גרויסע נבואה פון די נביאים נעמט אַרום די וועלט־מאַכטן פון בבל, מצרים און צור, פּונקט ווי די נאָענטע שכנים מואב, עמון און אשדוד,

און זיי פילן אָן די ביבלישע סצענע מיט אַן אַלוועלטלעכן כאָר אין וועלכן עס באַטייליקט זיך גאָר די נאַטור. די סאָסנעס און צעדערן פון לבנון, אפילו די שטיינער און דאָס האָלץ פון די ווענט, פרייען זיך מיטן פאַלן פון די טיראַנען. די גאַנצע ערד, בעלי חיים און דוממים, צוזאַמען מיט דער זון, לבנה און שטערן, ליידן און געניסן צוגלייך; און ווען גאָט קומט „משפטן די ערד" (די גאַנצע וועלט, לאָמיר עס געדענקען), „פליעסקען זיי מיט די הענט" און „זינגען פאַר פרייד אַלע צוזאַמען".

אַזוי ווערן פּאַסירונגען פאַרוואַנדלט אין דעראייגענישן, יעדע איי־נע מיט איר חלק און באַדייטונג אין דעם אַלגעמיינעם גאַנצן. עס איז נישט קיין צוועקלאָז פליסן, נאָר אַ באַוועגונג, מיט אַ באַוועגער און באַ־וועגטע. די באַוועגונג, ווי די אויסדערוויילונג פון יחיד, איז נישט מע־כאַניש. אַ סך הענגט אָפּ פון מענטשן, וואָס איז ביז אַ געוויסן גראַד צו־גלייך באַוועגטער און באַוועגער. די באַוועגונג פירט פאָרויס, נאָר ווען דער מענטש וויל עס אַזוי! די סצענעס מיט יהושע אין שכם, שמואל אין רמה, אליהו אויפן כרמל, שטעלן מיט זיך פאָר לעבעדיקע בילדער און גורל־אַקטן פון פרייען אויסוואַל, וואָס באַשטימט דעם עתיד פון גאַנצן פאָלק. מיר האָבן דאָ אַ דראַמע, אַן אַקטיווע טועכץ, נישט אַ פשוטע פּאַ־סירונג: און דער מענטש איז אַ מיטשפּילער, וואָס שאַפט אין געוויסע גרעניצן זיין אייגענע ראָלע.

אין אָט דער דראַמע איז גאָט גרייט צו העלפן. זיין האַנט איז גרייט צו העלפן דעם געשטרויכלטן, אויפצונעמען דעם חוזר בתשובה. ער באַ־שטימט נביאים אויף צו פּרווון פירן דאָס פאָלק; ער שיקט זיינע מלאכים צו וואַכן איבער יעדן יחיד. אוודאי ווערן געשטעלט באַדינגונגען. עס מוז זיין אַ פאַרלאַנג צו גיין אין דרך הישר, אָדער, לויטן ביבלישן אויסדרוק: „אין גייסט פון רעכטפאַרטיקייט". אָבער ווען עס איז פאַראַן דער ריכטי־קער גייסט, סייביים יחיד, סיי ביים ציבור, איז די העלפנדיקע האַנט נאָענט.

15) עס איז אַ באַמערקונג פון ענגלישן פילאָזאָף פ. ה. ברעדלי, אַז דער אָביעקט פון די היסטאָרישע פאַרצייכענונגען איז „די וועלט פון מענטשלעכע פערזענלעכקייטן". דער תנ"ך איז באמת אַ וועלט פון פער־

זענלעכקייטן: אברהם, יעקב, משה, אליהו, עמוס, ירמיהו, איזבל, יהוא און זמרי. די סיפּורים: יוסף מיט די ברידער, יונה און דער וואלפיש, דניאל אין לייבנגרוב — זענען געוואָרן וועלט־אייגנטום. אַפילו די פאַרבייגייענ־דיקע פיגורן: מלכי־צדק, לוט׳ס ווייב, יפתח׳ס טאָכטער, פאַרבלייבן אין זכרון. עס איז נישט נאָר וואָס די ביבל האָט לינגוויסטיש געגעבן די גרונט־אויסדרוקן פאַר די אייראָפּעאישע שפּראַכן. דורך איר באַציאונג צום לעבן אין אַלגעמיין האָט די ביבל איינגעקריצט אַ ספּעציעלן כאַראַקטער־טיפּ אין אייראָפּעאישן דענקען. מיר דענקען אין טערמינען פון אַן אַל־מענטשלעכער פאַמיליע, ווי עס ווערט באַשריבן אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון בראשית; מיר דענקען וועגן זיך זעלבסט אָדער אונדזערע פריינט אין טערמינען פון אַ מאָראַלישער פּערזענלעכקייט, ווי דאָס האָבן געפּאָ־דערט די נביאים און תהילים זינגער; מיר זענען היימיש מיטן נישט־צו־פרידענעם עמוס, און מיט די פּראָטעסטן פון איוב, ווייל זיי האָבן אונדז געלערנט צו זיין אומצופרידן און פּראָטעסטירן. זיי ריידן מיט אונדז אויף אונדזער אייגענער שפּראַך, ווייל מיר האָבן זיך צוגעאייגנט זייער לשון. אויב דער תנ״ך האָט געגעבן דער וועלט אַ דאָקטרין וועגן גאָט, האָט ער איר נישט ווייניקער געגעבן אַ דאָקטרין וועגן מענטשן.

16) דער ספּעציעלער פּלאַץ, וואָס ווערט צוגעשריבן די יידן אין דער ברייטער דראַמע פון דער וועלט־געשיכטע, האָט געגעבן אָרט פאַר געוויסע מיספאַרשטענדענישן, און מען האָט געמאַכט אַ גרויסן ווען וועגן דעם ווילקירלעכן כאַראַקטער פון דעם „אויסוואל״ פון די יידן, גלייך ווי דאָס וואָלט באַשטימט געוואָרן בלויז פון דעם רצון פון דערווײלער, אָדער דעם שבט־גאוה פון די אויסדערוויילטע (צי גאָר פון די דערציי־לער). אַ מאָדערנער ענגלישער עפּיגראַם שפּיגלט עס אָפּ:

ווי מערקווירדיק פון גאָט,
וואָס די יידן אויסדערוויילט האָט!

אָבער דאָס הייסט דורכלאָזן דעם עיקר פון דער ביבלישער דערציי־לונג, און די קעגן־עפּיגראַם איז פיל טרעפלעכער:

נישט אַזוי מערקווירדיק! —
ווייל דער ייד האָט אויסדערוויילט גאָט!

דאָ איז עפּעס קעגנזייטיקעס. אַ קעגנזייטיקער אויסוואל, אַן אויסטויש פון אויסדערוויילטקייט. עס איז אַ „בונד“, און יעדער בונד האָט צוויי צדדים. עס איז אַ „שידוך“, און ווי אָפט האָט מען זינט די צייטן פון נביא הושע געניצט אָט דעם פאַרגלייך. דער גאַנצער געוועב פון דער מעשה איז נישט פון אַ ווילקירלעכן אויסוואַל און אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן אויסדערוויילטן. עס ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט די דרכים פון דער מענטשהייט און האָט ו׳ באַשוואָרן צו זיין ווערט איר שליחות און אָפּשטאַם. דער אויסוואַל פון א יי ן פאָלק איז כמעט אַ רעזולטאַט פון האָפענונגסלאָזיקייט; פאַרן פאָלק גופא איז עס כמעט אַן אַרויפגעצוווּנגענע פליכט.

אַן ענלעכער שטאַנדפּונקט זעט גאָט נישט ווי אַ מאַן, וואָס בענקט נאָכן צוריקקער פון זיין אומטרייער פרוי, נאָר ווי אַ האַר וואָס וויל נישט לאָזן זיין שליח באַפרייען זיך פון זיין דינסט. זיין דערפאַרונג מיט מענטשן איז געווען אַזוי אָן דערפאָלג, אַז ער קאָן נישט דערלויבן זיינע יידן צו גרייזן און „ווערן ווי אַלע פעלקער“. דאָ פּאַסט זיך אַריין אַ תלמודישע מעשה, וואָס דערציילט אַז גאָט האָט אָנגעבאָטן די תורה צו אַלע אַנדערע פעלקער, איידער ער האָט זי אָנגעבאָטן די יידן, אָבער נאָר די יידן זענען געווען ווילִיק אָנצונעמען די מאָראַלישע פליכטן, וואָס די תורה לייגט אַרויף. און אפילו אַזוי, זעצט פאָר די דערציילונג, האָט ער געמוזט האַלטן דעם באַרג סיני איבער זייערע קעפּ און דראָען זיי מיט אומקום, איידער זיי האָבן מסכים געווען. דער רעכטער וועג פון לעבן ברענגט באַשרענקונגען איבער דער נאַטור פון מענטשן, צו וועלכע דער נאַטורמענטש האָט נישט געוואָלט און וויל נישט צושטימען.

און באמת, די רשימה פון אנטוישונגען איז גרויס: קודם־כל אדם אַליין, דאַן זיינע קינדער, דאַן דער דור המבול, אפילו דער „צדיק“ נח מיט זיינע קינדער שיינען צו זיין בלויז די בעסטע פון אַ שלעכטן דור. אברהם איז טאַקע אויסדערוויילט געוואָרן, און די שפּעטערדיקע טראַדיציע האָט הנאה געהאַט פון אויסברייען דעם פאַרוואָס דערפון, אָבער זיין אייגענער בכור איז אָפּגעשטויסן געוואָרן, אויך דער בכור פון זיין אויסדערוויילטן זון יצחק, ווי אויך דער בכור פון יצחקס אויסדערוויילטן

זון. עס ווירקט ווי אַ שטענדיקער פּראָצעס פון אויסוויילונג דאָס ריכטי־קע, דורך דער גאַנצער געשיכטע פון „אויסדערוויילטן״ פאָלק, פון אָנהויב ביז דעם סאַמע סוף פון די טעג ווען: „און פיל פון די, וואָס שלאָפן אין דעם שטויב פון דער ערד, וועלן זיך אויפכאַפּן, טייל צום אייביקן לעבן. און טייל צו שאַנד, צו אייביקער פאַראַכטונג.

עס ווירקט דורך און דורך אַ מאָראַלישע סעלעקציע. דאָס „אויס־דערוויילטע פאָלק״ איז געהאַלטן פאַר דער מענטשהייט אָפּטער ווי אַ וואָרענונג וועגן דעם וואָס עס דאַרף אויסגעמיטן ווערן, איידער ווי אַ ביישפּיל וואָס דאַרף נאָכגעטאָן ווערן. און שוין אפילו ווען די אויסדער־וויילטע ווערן מיט עפּעס באַאויפטראָגט איז ליידן דער צייכן און מאַר־טירערטום די קרוין. דאָס אויסדערוויילטע פאָלק איז נישט גוט, ווייל עס איז אויסדערוויילט — עס איז אויסדערוויילט, ווייל עס איז גוט. און די פאַרזעצונג פון זיין אויסדערוויילט זיין הענגט אָפּ דערפון, צי וועט עס ממשיך זיין גוט.

17) דער פאַקט איז, אַז דער געדאַנק פון אויסדערוויילטקייט איז אונטערגעוואָרפן דעם געדאַנק פון דינסט; דינסט צו גאָט לטובת דער מענטשהייט, דינסט צו דער מענטשהייט אין נאָמען פון גאָט. דער וועג איז שווער, און סיי נביאים, סיי תהילים־זינגער זענען פול מיט ביטער־קייט פון ליידן. אָבער דער אידעאַל פון גאָטס דינער שליסט איין ליידן, און ער טריאומפירט איבער ליידן. געוויס איז עס ד ו ר ך — ווען ניט א י ן — ליידן, וואָס עס איז אים געגעבן צו באַגרייפן די נאַטור פון זיין אייגענעם גורל, פונקט ווי ער קאָן באַגרייפן גאָט אין זיין פולער מאַיעסטעטישקייט, אַלס גאָט פון דער גאַנצער וועלט, נישט אין דער שעה פון טריאומף, נאָר אין דער שעה פון נידערלאַגע. די איבערגעבליבענע, דער „צענט חלק״ ווערט ווידער צעשטערט. זיין רוף און באַרוף איז צו לערנען, זיין שכר איז ליידן און חרפּות. אָבער זיין פליכט איז ווייט אי־בער די גרעניצן פון פאָלק ישראל, און זי איז קלאָר פעסטגעשטעלט און מען קאָן נישט אַנטרינען פון איר: „עס איז נישט גענוג פאַר מיין קנעכט אומצוקערן די שבטים פון יעקב צוריק צו זייער אָרט, און צו ברענ־גען צוריק די פאַרשטויסענע פון ישראל. איך וועל אים מאַכן אַ ליכט פאַר

די פעלקער, ער זאָל זיין מיין רעטונג פאַר אַלע עקן וועלט“. דאָס מאָראַלישע לעבן און די דערציאונג צו אַ מאָראַליש לעבן, אָנגעהויבן פון איין באַשטימט פאָלק (אָדער אפילו אַ טייל פון אַ פאָלק) און זיין סביבה, מוז אַרומכאַפּן אַלע פעלקער און אַלע סביבות. דער „גאָט פון די גייסטער פון אַלע באַשעפענישן פון פלייש“, פאָדערט די געהאָרכזאַמקייט פון אַלעמען, פונקט ווי אין דער געהעריקער גוטער צייט, וועט ער אָפּווישן די טרערן פון אַלע געזיכטער.

18) די לאָגישע באַציאונג צווישן מאָנאָטעאיזם און עטיק איז ניט שווער אָנצוצייכענען. עס מיינט דאָס פעסטשטעלן פון איין סטאַנדאַרט פאַר אַלעמען. פיל געטער מיינט פיל פאַרשיידענע דרכים. וואָס איין גאָט וואַרפט אָפּ, קאָן אַלעמאָל אַ צווייטער גאָט גוטהייסן.

אַלס אַ לאָגישער אַרגומענט קעגן פאָליטעאיזם איז עס אויסגעהאַלטן און מען קאָן עס מערערע מאָל געפינען ביי פלאַטאָן, אָבער לאָגישע אַרגומענטן ווירקן ווייניק אויף די געפילן. דער יידישער ביישטייער איז נישט די טעאָריע פון מאָראַל, נאָר איר פראַקטיק, וואָס הענגט אָפּ פון געפיל.

מען קאָן ברענגען אייניקע ביישפילן. למשל, די „אָפּשיילעכע זאַכן“ וואָס ווערן פאַרדאַמט אין דעם געזעץ פון קדושה. די זאַכן ווערן פאַרדאַמט ווי אָפּשיילעך, און מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס האָט אָן צווייפל געמוזט טרעפן אין פינטל. מיר דאַרפן בלויז עפענען דעם תנ״ך צו זען דעם מקור פון אָט דער שטרענגקייט. גאָט זאָגט צו קין׳ען: ווו איז דיין ברודער הבל? און קין ענטפערט: בין איך מיין ברודערס שומר? אין אָט דעם צוגעשפיצטן דיאַלאָג זעען מיר דעם גאַנצן כוח פון יידישן געניוס; זיין קוואַל איז קלאָר, די קאָנפראָנטאַציע פון מענטש מיט זיין באַשאַפער.

די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע איז מעגלעך נאָר אין מאָנאָטעאיזם. בלויז אין מאָנאָטעאיזם איז נישטאָ קיין אָרט צו אַנטלויפן, נישט אויסמיידן דאָס פראָבלעם, נישט אַפּעלירן קעגן איין געטלעכן כוח צו אַ צווייטן. גאָט איז איינער און בלויז פנים־אל־פנים מיט איין גאָט באַקומט דער מענטשלעכער וועזן זיין אייגן פלאַץ און זיינע ריכטיקע פראָפּאָרצן. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך און מוז אָפּגעבן דין וחשבון.

די קאָנפראָנטאַציע צווישן מענטש און גאָט קומט אַרויס נאָך קלאָרער ביי די נביאים ווען זיי באַקומען זייער רוף: משה ביים באַרג חורב („ווער האָט געגעבן אַ מענטש זיין מויל?.. דערפאַר, גיי!״); דער יונגער שמואל אין טעמפּל: („רעד, ווייל דיין קנעכט הערט!״); אליהו און די שטימע („וואָס טוסטו דאָ, אליהו?״); ישעיה („וועמען זאָל איך שיקן?...״ און איך האָב געזאָגט: „שיק מיך״.); ירמיהו („וווהין איך וועל דיך שיקן אַהינצו וועסטו גיין, און וואָס איך וועל דיר הייסן זאָלסטו ריידן״); אַ באַזונדער איינדרוקספולע שטעלע איז אין יחזקאל: „מענטשנזון שטיי אויף אויף דיינע פיס און איך וועל ריידן מיט דיר... און ער האָט געזאָגט צו מיר: „מענטשנקינד, איך שיק דיך צו די בני ישראל... און זאָלסט זאָגן צו זיי: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר...״

דעם נביא גייט נישט אָן וואָס דער המון וועט זאָגן. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך צו גאָט אַליין. ער קאָן בעטן מען זאָל אים באַפרייען, אָדער וויינען און בעטן גענאָד, בעטן אויסגעשטראָכן צו ווערן פון בוך פון די לעבעדיקע, אָבער זיין גורל הענגט איבער אים פּונקט ווי איבער די פעלקער צו וועלכע ער איז געשיקט געוואָרן. ער קאָן נישט טאָן עטוואָס אַנדערש. ער *מוז* ריידן; און ער קאָן זאָגן נאָר דאָס, וואָס גאָט האָט אַריינגעלייגט אין זיין מויל.

19) דאָס איז ספּעקטאַקולאַר און נויטיקט זיך נישט אין צוגאָב־אילוסטראַציעס. שטאַרקער ווירקט דער שטילער רוף און נישט דער שטורעמווינט, אָדער דער ערדציטער, אָדער דער פייער, נאָר דער „קול דממה דקה״, — די שטים פון שטילן שווייגן... מען באַגעגנט עס אויך אויסדריקלעך אין דעם געזעץ פון קדושה אין ספר ויקרא, ווו עס ווערט איבערגעחזרט מיט איינדרוקספולער און כמעט איינטאָניקער רעגולאַריטעט דער אָנזאָג: „און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט״. לויט אַ תלמודישער דערקלערונג איז דער אָנזאָג צוגעגעבן אין די אַלע פאַלן ווען עס קאָן נישט זיין קיין עפנטלעכער וויסן פון פאַרברעכן און קיין עפנטלעכע שטראָף. „שעלט נישט קיין טויבן, און לייג נישט קיין שטרויכלונג אויפן וועג פון בלינדן, נאָר זאָלסט מורא האָבן פאַר גאָט: איך בין גאָט... שטיי אויף פאַר אַ זקן, און גיב אָפּ כבוד די עלטסטע, און זאָלסט מורא האָבן פאַר גאָט:

איך בין גאָט... טוט נישט קיין שלעכטס איינער דעם צווייטן, נאָר האָט מורא פאַר גאָט, איך בין גאָט. נעם נישט קיין פּראָצענט, אין געלט אָדער זאַכן, נאָר האָב מורא פאַר גאָט, און זאָל דיין ברודער לעבן מיט דיר. זאָלסט נישט נעמען קיין פּראָצענט פאַרן געלט וואָס דו לייסט אים, אָדער פאַר די שפּייז וואָס דו גיסט אים; איך בין דער האַר, אייער גאָט, וואָס האָט אייך אַרויסגענומען פון לאַנד מצרים צו געבן אייך דאָס לאַנד כנען, אויף צו זיין אייער גאָט". דאָס אַלץ זענען פאַלן „איבערגעגעבן צום האַרצן" (איך נוץ אַ תלמודישן אויסדרוק). זיי געהערן נישט צום א ו י ס ע ר ל ע כ ן ג ע ר י כ ט, צום געריכט פון געזעץ, וואָס משפּט לויט דער אָנזיכטבאַרקייט, נאָר צום א י נ ע ר ל ע כ ן ג ע ר י כ ט, דעם געריכט פון געוויסן.

אויך אין אָט דעם געריכט איז דאָ אַ ריכטער, נאָר אַזוינער וואָס קוקט אַריין אין האַרצן. געוויסן מיינט פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און פאַראַנט־וואָרטלעכקייט האָט בלויז אַ פּערזאָן. צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך מיינט צו געבן אַן ענטפער, דאָס הייסט, זיין אויסגעשטעלט אַז מען וועט איינעם פרעגן וועגן זיינע מעשים, און ווען מען פרעגט, איז מען פאַרפליכטעט צו ענטפערן. פראַגן קענען געשטעלט ווערן פון פּערזאָנען; און עס איז ווייל דער גאָט פון יידישן געדאַנק איז לכל־הפּחות פּערזענלעך (ווען אפילו עס איז קלאָר אַז ער איז פיל מער ווי דאָס), וואָס דאָס געוויסן באַקומט אַזאַ טיפן באַדייט פאַרן מענטשלעכן לעבן. „וואָס וועל איך טאָן ווען גאָט וועט קומען ווי מיין ריכטער?" — פרעגט איוב — „און וואָס וועל איך ענטפערן אויף זיינע פראַגעס?"

20) מיר קענען שליסן אָט די קורצע איבערזיכט מיט דער באַמער־קונג, אַז דער מערסטער טייל אידעען, וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט, ווערן באַטראַכט אין אונדזערע צייטן פאַר אויסגעדראָשן. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו די אידעען פון גאָט, היסטאָריע און געוויסן. אָבער דער גאָט, די היסטאָריע און דער געוויסן, צו וועלכע מיר האָבן זיך צוגעוווינט, זענען דער גאָט, די היסטאָריע און דער געוויסן פון דער יידישער טראַ־דיציע, און דער פאַקט וואָס מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו זיי נעמט ביי זיי נישט צו זייער וויכטיקייט און זייער אַנטשידענע ווירקונג אויף

מענטשלעכע מוחות. ווי לופט און וואַסער זענען זיי די אורשפּרינגלעכע באַ־
דערפעניש און גרונטנויטן פון לעבן, וועגן וועלכע מען דערמאָנט זיך
נאָר ווען זיי הייבן אָן אויסצופעלן.

אַ סך באַאָבאַכטער ווייזט זיך אויס, אַז אין היינטיקע צייטן הייבן
אָן אויסצופעלן מאָראַלישע אידעען. לוינט זיך דערפאַר צו ציען נאָך
אַמאָל די אויפמערקזאַמקייט צו זיי.

IV אייניקע ביישפּילן און אָנווענדונגען

1) אין ליכט פון דעם, וואָס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן וועגן דער אייגנשאַפט פון אידעען, וואָלט געווען שווער צו באַשטעטיקן אין דער היסטאָריע פון זייער אַנטוויקלונג אַן אויסשליסלעכע השפעה פון יידישע אָדער פון אַנדערע קוואַלן. דאָך איז פאַראַן אַ געוויסע שייכות, און אויב עס איז פאַראַן ווייניק דירעקטע אָפּשטאַמונג איז דאָך פאַראַן היפּש קרובהשאַפט. איך וויל געבן אַ ביישפּיל פון אַ געוויסן אינערלעכן אינטערעס און נאָכהער צוטרעטן צו ברייטערע אויסבליקן.

דער פילאָזאָף דזשאַן לאָק האָט זיך געאיילט צו באַטאָנען, צווישן די פילע נייע אידעען, וואָס ער האָט פאַרקערפּערט אין זיין „אייניקע געדאַנקען וועגן דערציאונג", דעם ווערט פאַרן מענטשן פון פרישער לופט און קאַלט וואַסער. ער שלאָגט, למשל, פאָר, ביים אייננאיבן קינדער צוגעוווינען זיי צו דעם, וואָס מיר רופן איצט אָפענע סאַנדאַליען, אָנווייזנדיק מיט חכמה אַז אויב מענטשן האָבן נישט קיין מורא אויסצושטעלן צום ווינט זייער פנים און הענט, איז דוכט זיך נישטאָ קיין פאַרוואָס זיי זאָלן מורא האָבן אויסצושטעלן זייערע פיס. ער האָט אויך רעקאָמענדירט דאָס נוצן קאַלטע בעדער; אָבער פאַר דעם איז ער געווען געצוווּנגען צו זוכן פרעצעדענטן אין דער דערפאַרונג. נאָכדעם ווי ער ברענגט אַביסל טונקעלע ביישפּילן פון דער קלאַסישער ליטעראַטור בנוגע סענעקא און האראַץ, היות ביידע דערמאָנען אַז זיי האָבן גענומען קאַלטע בעדער אום ווינטער, זאָגט ער: „אפשר וועט מען דענקען אַז איטאַליע איז פיל וואַרעמער פון ענגלאַנד, און די קאַלטקייט פון די דאָרטיקע וואַסערן קומט נישט צו דער קעלט פון אונדזערע אין די ווינטער טעג; אָבער אויב די טייכן פון איטאַליע זענען וואַרעמער, זענען אָבער די טייכן פון רוסלאַנד און פּוילן אַ סך קעלטער פון יעטווידער אַנדער לאַנד. און דאָך באָדן זיך אין זיי יידן, מענער ווי פרויען, אין אַלע צייטן פון יאָר, אָן קיין שום שאָדן פאַר זייער געזונט".

עס איז קלאָר, אַז ער באַציט זיך דאָ צו טבילה, וואָס ווערט גע־פאָדערט אין פרומער יידישקייט, וואָס איז טיילווייז בלי ספק באַגרינ־דעט אויף באַטראַכטונגען פון פערזענלעכער און קאָלעקטיווער היגיענע. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן מוז מען וואַשן דעם גאַנצן גוף, אָדער די הענט; און באַזאָרגן מיט מעגלעכקייטן אויף צו באָדן זיך אין לויפנדיק וואַסער איז אַ טייל פון די פליכטן פון די יידישע קהילות. די אידעע איז באַ־טאָנט אין חומש, פאַר וועלכן ריינקייט איז נישט נאָר אַ באַדינג פאַר טהרה, נאָר אויך דער ערשטער באַדינג פאַר דער געטלעכער אָנוועזנהייט. ווי עס ווערט פאַרצייכנט אין שייכות מיט די געזעצן וועגן עלעמענטאַ־רע היגיענישע פאָרזיכטיקייטן: „דיין גאָט גייט אין מיטן פון דיין מחנה, דערפאַר זאָל די מחנה זיין הייליק" (דעם מאָדערנעם לייענער, וואָס איז געניגט צו פאַרדרייען די נאָז פאַר אַזעלכע באַטראַכטונגען, וואָלט מען אפשר געמעגט דערמאָנען אַז „ריטועלע" ריינקייט איז פאָרט ריינקייט).

נו, מיר ווילן נישט מרמז זיין, אַז ווען נישט דאָס ריטועלע וואַשן זיך, פאַרגעשריבן אין ספר ויקרא, וואָלט נישט אויפגעקומען דאָס מאָ־דערנע באָד־צימער; אויך נישט אַז עס וואָלטן נישט געווען קיין בית־הכסא'ס אין די מאָדערנע אַרמייען, ווען נישט דער פּרעצעדענט פון ספר דברים כ"ג, 13־15. אָבער דער עיקר איז, אַז די רעליגיעזע אידעען פון תנ"ך האָבן גורם געווען לעבנס־נאָרמען, וואָס ווערן, לויט מיר פאַרשטייען עס איצט, געפאָדערט בהסכם מיט דער מענטשלעכער טבע. (באמת, האָבן זיי געגעבן אַ שטויס און די טרייב־קראַפט, וואָס דערפאַרונג האָט ליידער נישט דערוויזן איינצושטעלן בלויז צוליב מעדיצינישע פאַרשריפטן).

מיט אָט דעם אין זינען, קאָנען מיר זיך ווענדן צו ברייטערע פּראָב־לעמען, און איך שלאָג פאָר צוויי צוגאַנגען וואָס קאָנען זיין פרוכטבאַר. ערשטנס, לאָמיר זיך פרעגן וואָס וואָלט די וועלט אָנגעוווירן ווען דער יידישער געדאַנק וואָלט גאָר קיינמאָל נישט עקזיסטירט?; צווייטנס, לאָ־מיר פּרווון אָפּשאַצן די באַדייטונג פון די אידעען פון יידישן געדאַנק, וואָס זענען געווען אַזוי יידיש, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט איבערגעזעצט ווערן און זענען דערפאַר פאַרבליבן אויך אין די נייע שפּראַכן אין זייער אַלטער העברעאישער הלבשה; דהיינו: שבת, יובל, משיח.

2) דער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע איז, אַז אויב דער יידישער געדאַנק וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט וואָלט די וועלט נישט געהאַט נישט דאָס קריסטנטום, נישט דעם איסלאַם. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם זענען בלויז יידיש אין זייער אָפּשטאַם און כאַראַקטער, אדרבא, זיי זענען געוויס זיי זעלבסט. צו זיין זעלבסט מיינט צו זיין פאַרשידן פון אַנדערע; און אויף וויפיל זיי זענען בכלל רעזולטאַטן, זענען זיי עס אויך צוליב אַנדערע פאַקטאָרן חוץ יידנטום. דאָך בלייבט דער יידישער געדאַנק דאָס וויכטיקסטע סיי פאַר זיי בפרט, סיי פאַר דער היסטאָריע פון רעליגיעס בכלל.

מיר וועלן נעמען דעם לעצטן פונקט פריער און אים אילוסטרירן דורך אַ פאָרמעלער אַנאַלאָגיע, וואָס מיר האָבן שוין פריער באַנוצט. לויט דער טראַדיציע, וואָס קומט קלאָר צום אויסדרוק ביי פּראָקלוסן, איז דער גריך פּיטאַגאָראַס געווען דער ערשטער צו באַהאַנדלען צאָל אַן און פאַר זיך גופא. ד״ה אַז ער איז געווען דער שעפער פון מאַטעמאַטיק ווי אַ וויסנשאַפט. מאַטעמאַטיק אַלס אַ פאַך, אַן ענין פון מסחר, אָדער אין שייכות מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס, איז שוין געווען פון פריער באַוווסט צו די בבלים און מצרים. אָבער ריינע מאַטעמאַטיק איז גריכיש, און די וויזיע פון פּיטאַגאָראַס איז אַ סך שפּעטער איבערגענומען געוואָרן פון קעפּלער און דעקאַרט און די מאַטעמאַטישע פיזיקער פון אונדזערע צייטן. די מאַטעמאַטיק קאָן דערפאַר מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי גריכיש, ווען אפילו איר הויפּט־געדאַנק האָט זיך געקאָנט ענדערן אין אינהאַלט און פרטים, און ווען אפילו קיינער קאָן נישט זאָגן, צי אויב פּיטאַגאָראַס און די גריכן וואָלטן קיינמאָל נישט עקזיסטירט, וואָלטן ניט געקאָנט אויפקומען אַנדערע מענטשן, אָדער אַן אַנדער פאָלק, וואָס וואָלטן געטראַכט די זעלביקע געדאַנקען.

עס איז אַביסל אויף אַן ענלעכן אופן וואָס מיר קענען באַצייכענען רעליגיע אַלס יידיש. אַדאַנק דעם יידישן געדאַנק האָט דאָס, וואָס ווערט גערופן רעליגיע, באַקומען זיי עיקרדיקן אויסדרוק. אויב מיר פרעגן וואָס איז רעליגיע? קאָנען מיר אָנדייטן אויף געוויסע אידעען, אָדער פיגורן פון יידישן געדאַנק, פונקט ווי, ווען מען פרעגט אונדז, וואָס איז מאַ־

טעמאַטיק? קאָנען מיר אָנווייזן אויף די גריכן מיט זייער טראַדיציע. אָבער מיר קאָנען גיין אַביסל ווייטער ווי דאָס. ס'איז נישט נאָר אַ פראַגע פון „טיפ", „אינספּיראַציע" אָדער „וויזיע". דער פּאָזיטיווער אינהאַלט פון גריכישער מאַטעמאַטיק איז אַן אינטעגראַלער טייל פון מאָדערנער מאַטעמאַטיק, און טיילן פון דער גריכישער מאַטעמאַטיק ווערן געגעבן אין די מאָדערנע טעקסט־ביכער ווי זייער תמציתדיק גרונט־ווערק. עס איז ניט בלויז אַ געדאַנק וואָס האָט זיך דערהאַלטן צוליב היסטאָרישע מאָטיוון, ווי די טעאָריע פון פלאָגיסטאָן אין כעמיע. די באַדייטונג פון דער גריכישער מאַטעמאַטיק פאַר דער מענטשהייט ליגט אין איר גופא: אין די גרונט־פּרינציפּן וואָס זי האָט דערוויזן.

ענלעכערווייזע איז דער יידישער געדאַנק אַלס אַזעלכער אַריינגעפלאָכטן אין קריסטנטום און איסלאַם. ער פילט אָן זייערע הייליקע ביכער, און ווען ער וואָלט פון דאָרט צוגענומען געוואָרן וואָלט דער תמצית פון זייער אינהאַלט געווען שטאַרק פאַרשידן. קריסטנטום האָט דאָך, דורך די ליפּן פון איר גרינדער, זיך דערקלערט אַלס די רעאַליזירטע יידישקייט; און דער נביא פון איסלאַם דערקלערט, אַז ער איז דער אמתער נאָכפאָלגער פון משה, און, ווי משה, „אַ נביא מיט אַ בוך". אַזוי אַרום קענען מיר מיט רעכט באַשטעטיקן די אָנגענומענע מיינונג אַז יידישקייט איז די „מוטער־רעליגיע"; קריסטנטום און איסלאַם זענען אירע טעכטער, אָן אברהם, משה און די נביאים, וואָלטן ביידע, סיי קריסטנטום, סיי איסלאַם, ווען אפילו זיי וואָלטן יאָ געקאָנט אויפקומען, געווען גאָר אַנדערש ווי זיי זענען.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. קינדער רייסן אָפט איבער מיט זייערע עלטערן, און אָדער אין פאַרדרוס, אָדער מיט כעס, גייען זיי זייער אייגענעם וועג; און דאָך דערהאַלטן זיי, אין דעם עצם מהות פון זייער זיין, די כאַראַקטער־שטריכן פון זייערע עלטערן. וואָס עס זאָל סוף־כל־סוף נישט אָנגענומען ווערן ווי די דעטאַלירטע שייכות צווישן די דריי מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, בלייבט קלאָר, אַז זיי **האָבן** און **דערהאַלטן** אַ גרויסע פאַמיליערע ענלעכקייט. זיי זענען אַלע דריי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אויפפירונג, זיי באַגרייפן אַלע די מאָ־

טעריעלע וועלט ווי אָפּהענגיק פון אַ גייסטיקער רעאַליטעט. און אָט די רעאַליטעט באַטראַכטן זיי אַלע ווי דעם קוואַל פון גוטער און רעכט־פאַרטיקער אויפפירונג. זיי האָבן נאָך מער בשותפות ווי דאָס אַלעס; אָבער עס איז גענוג אָנצונעמען, אַז עס איז לכל הפחות אָט־אָ־דאָס, און אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

3) אויב מיר נעמען אָן אָט דעם מינימום און גיבן זיך אַ קער צו אונדזער צווייטן צוגאַנג, וועלן מיר זען אַז ער שטיצט די אויספירן פון דעם ערשטן. די אומאיבערזעצבאַרע ווערטער, וואָס מיר האָבן אויבן דער־מאָנט, אַנטהאַלטן אידעען, וואָס זענען זייער ענלעך צו די, וואָס מיר האָבן ערשט אָנגעוויזן.

שבת איז דער אומזיכטבאַרער צייכן, אַז דאָס מאַטעריעלע איז נישט געוועלטיקנדיק און עס האָט נויטיק צו דערגענצט ווערן דורכן גייסטיקן. עס איז אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דער דאָקטרין פון שקלאַפערייִ פאַר געצאָלט. עס איז אַ וועכנטלעכע דעמאָנסטראַציע, אַז כאָטש אַרבעט איז גוט („זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן", איז אויך אַ טייל פון דעם געבאָט), איז אָבער אַרבעטנישט קיין ציל פאַר זיך זעלבסט; אַז אויב אַפילו צופרידנ־שטעלן דעם גוף איז אַ גוטע טאַט, איז אָבער דער גוף גאָר ווייניק אָן דער נשמה. אַפילו די שטרענגסטע און טונקלסטע שטריכן פון שבת באַ־טאָנען, הגם אין אַ אומאַנגענעמען (מעגלעך טעותדיקן) אופן, בלויז אָט די דאָזיקע גרונט־לערעס: און די יידישע טראַדיציע מיט איר ליבע צו פאַמי־ליען־לעבן און איבערגעגעבנקייט צו לערנען האָט דערוויזן ווי אַזוי שבת קאָן ווערן נישט נאָר אַ טאָג פון אָפּרו פון אַרבעט, נאָר אויך אַ פּאָזיטי־ווער פאַקטאָר אין מענטשלעכן ווילזיין און אַנטוויקלונג.

דער שבת גיט אַ געלעגנהייט זיך אַליין ווידער צו געפינען. ער רופט צו אַ לעבן אויף אַ העכערן און אמתערן ניווא. ער באַנעמט פרייהייט ווי אָן אַקטיוון פּרינציפּ, ער מאַכט פילן די נויטיקייט צו אַנטוויקלען מעג־לעכקייטן, וואָס זענען אין די וואָכעדיקע טעג געווען פאַרשלונגען און פאַרגעסן. ער איז אַ שטענדיקע דערמאָנונג, אַז ווען אַפילו מענטשן לעבן אויף ברויט, לעבן זיי אָבער נישט צו ליב ברויט. דער שבת איז אַזוי אַרום מער ווי אַן אָפּרו, אַפילו מער ווי אַ צוריקגעווינען די ענערגיעס

פאַרן צוריקקער צו דער שטענדיקער אַרבעט. ער איז גיכער אַ נייע אָנ־ווענדונג פון די ענערגיעס, באַגרינדעט אויף אַ פולער פאַרשטענדעניש פון דער נאַטור און די נויטן פון מענטשן.

צום וועכנטלעכן שבת קומט צו דער יערלעכער שבת, דאָס זיבעטע יאָר פון יעדער „וואָך פון יאָרן". אין דעם יאָר רוט די ערד; ווידעראַמאָל פרייהייט, דאָס מאָל פאַרן באָדן. נאָך זיבן שבתים פון יאָרן קומט דאָס פופציקסטע יאָר, יובל: „און זאָל דאָס פופציקסטע יאָר זיין הייליק, און פראָקלאַמירט אַז יעדער איינער אין לאַנד איז פריי פון זיינע חובות; עס איז יובל, און יעדער מענטש קאָן זיך צוריקקערן צו זיין נחלה און צו זיין משפחה".

דער אָרעמאַן ווערט אויף אַזאַ אופן באַפרייט פון זיין אָרעמקייט. עס ווערט אים געגעבן אַ נייע מעגלעכקייט, ער ווערט פריי. זיינע קייטן ווערן צעבראָכן, ער קען אָנהייבן פונדאָסניי. ער ווערט נאָכאַמאָל אַ מענטש אין פולן זין פון וואָרט.

עס איז וויכטיק צו באַטאָנען דעם גרונט־געדאַנק פון אַט דעם (פאַר אונדז) איבעראַשנדיקן איינפיר. ער ווערט געגעבן מיט וווּנדערבאַרער איינפאַכקייט: „די ערד זאָל נישט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק, ווייל די ערד איז מ יי נ ע, און איר זענט מיינע געסט וואָס לעבט ביי מיר צייטווייליק". ווו עס איז פאַראַן אייגנטום־רעכט אויף ערד, האָט דער אייגנטימער דאָס רעכט צו קריגן זיין ערד צוריק. די אויסדרוקן זענען פינקטלעך פאַראַלעל צו די, לויט וועלכע עס ווערט אָפּגעוואָרפן דער גע־דאַנק פון יידישער שקלאַפעריי: „ווייל זיי זענען מ יי נ ע דינער, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון לאַנד מצרים, קאָנען זיי נישט ווערן דאָס אייגנטום פון וועמען עס איז". דער יובל, פונקט ווי דער שבת, איז אַ צו־ריקקער צו דעם, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין דאָס נאָרמאַלע. זיי מאַכן דעם געדאַנק פון פרייהייט אַ טייל פון פראַקטישן מענטשלעכן לעבן, זיי פאַר־קערפערן אים אין דער אָרגאַניזאַציע פון געזעלשאַפט; און די אידעע פון מענטשלעכער פרייהייט סיי אין לעבן, סיי אין אייגנטום, איז אַ דירעק־טער פועל יוצא פון דער אָפּהענגיקייט פון אַלע זאַכן, דער מענטש איינ־געשלאָסן, פון גאָט.

דאָס דריטע נישט איבערזעצבאַרע וואָרט, משיח, איז פאַר זיך אַליין אַ גאַנצע היסטאָריע און אַ גאַנצע טעאָלאָגיע. עס איז געוואָרן אַן אומדערשעפּלעכע טעמע פון גאַנצע ביבליאָטעקן, סיי פון פאָרשונג, סיי פון פּאָפּולאַריזאַציע. עס איז געווען די טרייסט און די האָפענונג פון יאָרהונדערטער. עס איז צו גוט באַקאַנט, אַז מען זאָל עס דאַרפן אויס־טייטשן. פאַר אונדזער צוועק וועט זיין גענוג צו ציטירן די דעפיניציעס פון ווערטערבוך, למשל, „צוגעזאָגטער דערלייזער פון די יידן; קריסטוס; בכלל באַפרייער פון אַן אונטערדריקט פאָלק אָדער לאַנד; (אין פראַנצויזיש, לאַטיין און גריכיש, פון העברעאישן וואָרט משיח, „דער געזאַלבּ־טער"), (לויטן קורצן אָקספאָרד־ווערטערבוך). משיח איז נישט קיין אַבס־טראַקטע פיגור פאַר עסטעטישן פאַרקוקן זיך, ער איז פאַר און איבער אַלעס, אַ באַפרייער. און ער איז אַ קעניג, דער אידעאַלער הערשער, די פאַרקערפּערונג פון אמת און יושר, וואָס דאַרף צוריקשטעלן די געטלעכע אָרדענונג אויף דער צעטרייסלטער וועלט.

אַזוי אַרום באַצייכנט ער דעם צוריק־אַריינטריט פון גייסטיקן אין די מענטשלעכע ענינים. זיין קומען קאָן באַדייטן די שאַפונג פון אַ נייעם הימל און אַ נייער ערד. אָבער אַ נייער הימל און אַ נייע ערד זענען נישט קיין צוועק פאַר זיך זעלבסט. זיי זענען דער אידעאַלער באַדינג פאַר אַ נאָרמאַלן, ווען אפילו איבערגעבויטן, לעבן. צו דעם נייעם האַרץ און נייעם גייסט, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן דעם מענטשן, קומט נאָך צו אַ נייע שפּראַך, אַ „זויבערע שפּראַך, אַזוי אַז זיי זאָלן קאָנען דאַוונען און די־נען גאָט מיט איין געדאַנק": „און די וועלט וועט זיין פול מיטן וויסן פון גאָט, ווי דער ים איז פאַרדעקט מיט די וואַסערן".

4) מיר קענען זיך איצט אַ קער טאָן צו דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס און באַמערקן, אַז נאָך די ערשטע פאַר דורות האָט דער איסלאַם דערגרייכט זיין פולע אַנטוויקלונג און דעם מאַקסימום פון פאַרשידנאַרטיקייט אין די אויסטייטשונגען. די לענגערע היסטאָריע פון קריסטנטום איז פיל מער פאַרשידנאַרטיק, און ווי עס טרעפט אָפטער, האָט די שטרעבונג צו ענדערונגען באַקומען אַן אויסזען פון צוריקקער צו די יסודות. די דאָזיקע יסודות געפינען די פאָרשער אָפּ־

טער אין דעם תנ״ך, און דער פּועל יוצא איז געווען, אַז אַ ריי רעפּאַ־רעם־באַוועגונגען אין דער קירכע האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון פאַריידישונג.

אין שייכות מיט דעם דענקט מען גלייך וועגן די עקסטרעמערע פּראָ־טעסטאַנטן פון ענגלאַנד, שאָטלאַנד און דער שווייץ, וואָס זענען אַלע טיף באַאיינפלוסט, אפשר נישט אַלעמאָל צום בעסערן, (לויט דעם מאָדערנעם קוק אויף זאַכן), דורכן ביישפּיל פון אַלטן טעסטאַמענט. דאָך קאָנען די מילדערע איינפלוסן נישט פאַרגעסן ווערן. דער תהילים איז געוואָרן דער הימנען־בוך פון אַלע אָפּצווייגונגען פון דער קירכע, און ווער קען זאָגן, ווי ברייט און טיף ער האָט באַרירט מענטשלעכע מוחות? זיכער, האָט ער אַמאָל געמוטיקט צו גוואַלד, ווען אפילו נישט צוליב שלעכטע צילן; אָבער פאַר יעדן, וואָס האָט גערופן צו גאָט „נקמה צו נעמען פאַר די גע־שאָכטענע צדיקים״, זענען פאַראַן אַן אַ צאָל אַנדערע, וואָס האָבן געפונען אין זיין מנוחהדיקער פרומקייט אַ סטימול צו ווילזיין און אַ טרייסט אין נויט און פאַרלוסט. ווייניק ביכער אין אַלע ליטעראַטורן גיבן אין אַט אַזאַ פשוטער שפּראַך אַזאַ טיפן געפיל פון דער אָנוועזנהייט פון גאָט, און נאָך ווייניקער דערהויבן די פּראַקטישע מאָראַליטעט דורך אַזעלכע לייכט־פאַרשטענדלעכע ווערטער.

5) דאָך איז נאָך פאַראַן פּלאַץ פאַר די קולות וברקים פון סיני. מער ווי אַלעמאָל דאַרף מען דערמאָנען דעם מענטשן אין צאָרן פון גאָט. זינד, משפט און שטראָף — מוזן לעבן און זענען לעבעדיק אין יעדער רע־ליגיע. דער געשריי פון די מלאכים: „קדוש, קדוש, קדוש״, דאַרף קלינגען ביי אַלע פייערלעכע געלעגנהייטן, און מיט דעם די וואָרענונג וועגן דעם טאָג „וואָס איז פינצטערניש נישט ליכטיקייט״. ווי די מיטלאַלטערלעכע הימנען־שרייבער האָבן עס ציטירט פון די נביאים: „גאָט פון צאָרן, גאָט פון כעס״, און אַ בליק אויף אָט דעם הימן באַווייזט קלאָר דעם חלק פון דער יידישער ירושה אין דער קריסטלעכער קירכע. די סצענע איז ביבליש. צוערשט דער צייכן, דאַן די גראַנדיעזע פאַרזאַמלונג, די אונטערטעניקייט פון דער נאַטור, דאָס אָפענע בוך, דער ריכטער אויף זיין שטול, דער זינ־דיקער וואָס ציטערט: און דאַן דער רוף צום אַלהעכסטן קעניג, די אויפ־

ריכטיקע הכנעה, די זיכערקייט אַז דערלייזונג וועט קומען. מיר האָבן אין דעם הימן די שטרענגע זייט פון רעליגיע, אַן אַספּעקט וואָס מען האָט אין מאָדערנע צייטן אַרויסגעלאָזט פון אויג: דער פאַקט און זין פון זינד; געוויסן און געוויסנביסע, די לעצטע רעכנשאַפט פון וועלכער קיינער קאָן נישט אַנטלויפן.

6) געוויסן איז געבונדן מיט באַוווסטזיניקייט, מיט געוויסנהאַפטיקייט, און אַלע דריי זענען ענג פאַרבונדן סיי עטימאָלאָגיש, סיי פאַקטיש מיט וויסן. מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעם עפנטלעכן זין פון דער יידישער אַנטפלעקונג און דעם פועל יוצא דערפון וואָס לערנען איז געוואָרן אַ צענטראַלער עלעמענט אין דער רעליגיעזער פּראַקטיק. דער דאָזיקער פאַקט באַרירט די סאַמע אופנים פון גאָטעס־דינסט אין דער שול, און דורך איר אין דער קירכע. דער כהן איז אויך נויטווענדיקערהייט געווען אַ לערער; ווי אַ שפּעטערער נביא דערמאָנט עס אונדז: „זיינע ליפּן היטן דאָס וויסן, און מענטשן וואַרטן אויפן געזעץ וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל״. די כהונה אַלס אַזעלכע, מיט איר אויסגעאַרבעטן צערעמאָניאַל וואָס צענטרירט אין ירושלים, איז געוואָרן איבעריק נאָך דער צעשטערונג פון טעמפּל, און שוין יאָרהונדערטער פאַר דעם חורבן איז די צעשפּרייטקייט פון יידן געווען אַ פעסטער און שטענדיקער פאַקט. איז די שול אָרגאַניזירט געוואָרן ווי אַ „פאַרזאַמלונגס־אָרט״ און אַ צענטער פאַר פאָלקס־אונטערריכט. געלערנטע האָבן אָנגעוויזן אויף דער דערהאַלטונג פון שול־פירונגען אין די צערעמאָניעס פון קריסטנטום ווי פון איסלאַם; אָבער וויכטיקער פון צערעמאָניעס איז די אור־אַלטע בשורה פון די נביאים, פאַרקערפּערט אין דעם עצם־פאַקט פון דעם קיום פון דער שול, אַז גאָט וויל גוטסקייט און וויסן, נישט קיין קרבנות און בראַנד־אָפּפער. דער פּראָטעסט פון נביא האָט געפונען זיין פּראַזאַישן אויסדרוק אין די פּשוטע תפילות און דרשות פון דעם „בית הכנסת״. דאָ איז לערנען אנערקענט געוואָרן ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון גאָטעסדינסט און פרומקייט. קלאַסן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר די קינדער; רעגלמעסיקע פאַרלייענונגען און פאַרטייטשונג פון דעם תנ״ך, דרוש און משל זענען געקומען צו דינסט פון פאָלקס־בילדונג. דאָס איז אויך איבערגענומען גע־

וואָרן פון דער קירכע, אַרום וועלכער עס האָט זיך קאָנצענטרירט אין משך פון יאָרהונדערטער די איינציקע בילדונג, וואָס מען האָט דאַן געקאָנט באַקומען; און מיר דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט די באַשיידענע גייסט־לעכע פון ווייטע מאָנאַסטירן, ווו די טראַדיציע פון לערנען איז אָפּגע־היט געוואָרן אין איירעפּע, טראָץ דעם פינצטערן אָבסקוראַנטיזם פון יע־נע צייטן.

7) איינער פון די אַמוויינקסטן דערוואַרטעטע רעזולטאַטן פון יידישן געדאַנק איז דאָס פעלד פון פּאָליטישער טעאָריע. אָבער ווען מען פאַרטיפט זיך אין דעם ענין איז נישטאָ קיין מאָטיוו פון וווּנדערן זיך. אַ רעליגיע וואָס באַגריסט גאָט ווי „אבי יתומים ודין אלמנות" — „דער פאָטער פון יתומים און פאַרטיידיקער פון אלמנות", האָט געלייגט די גרונט־יסודות פאַרן שטאָט וואָס זאָרגט פאַרן ווילזיין; און די געזעצגע־בונג פון תנ"ך, צי פּראַקטיצירט, צי נישט, האָט דעם תמצית פון אַ גע־זונטער סאָציאַלער אָרדענונג. אַז עס איז פאַראַן איין געזעץ פאַרן בירגער ווי פאַרן אויסלענדער, אַז פאַרן געזעץ זענען אַלע מענטשן גלייך, אַז דער יחיד ווי דער קהל מוזן זאָרגן פאַר די אומגליקלעכע און די אינוואַלידן און די הילפלאָזע, אַז געבורט איז אַ צופאַל און עשירות אַ משכון, און קיינס פון די צוויי איז א גרונט פאַר פּריווילעגיעס; אַז מאַכט טאָר נישט באַ־נוצט ווערן ווילקירליך; אַז קיין פּרינץ אָדער פירער איז הייליק אַלס אַזעל־כער — די אַלע און ענלעכע לערעס קומען אַרויס פון די תנ"ך־בלעטער פאַר אַלעמען צו זען.

איז עס דערפאַר פאַרשטענדלעך, אַז אַ סך אַנדערע געמיינשאַפטן זאָלן זיך האָבן אָרגאַניזירט אין אָנקלאַנג מיט די ריכטליניען פון תנ"ך און האָבן זיך געלאָזט רופן, לויט דעם אויסדרוק פון פּאולוס, די ריכטי־קע יידן. אין אַלגעמיין איז דער געדאַנק, אַז יעדע רעגירונג באַרוט אויף דער צושטימונג פון די רעגירטע, געמאַכט געוואָרן אָפּהענגיק פון דער זאַקטרין פון ברית. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אַז אָפּמאַכן און בונדן ווערן נישט אימפּאָנירט נאָר אָנגענומען; און אַז דאָס „הייליקע פאָלק" איז געווען פון אברהמען אָן אַ גוטווילליקער צד אין דעם בונד מיט זיין גאָט. ער איז באמת געווען זייער קעניג, אָבער אַזאַ וואָס האָט געזוכט זיין פאָלק

און איז אָנגענומען געוואָרן פון אים דורך זיין פרייען ווילן. נאָך מער, אויך די וועלטלעכע מלוכה איז געווען ביי יידן אַ רעזולטאַט פון קעגנזייטיקער צושטימונג, ווי עס קאָנען עדות זאָגן די דערוויילונג פון שאול און דער אָנבאָט צו גדעונען.

אוודאי קאָנען דאָ געפונען ווערן אַרגומענטן פאַר און קעגן, און זיי ווערן טאַקע געבראַכט. מען דערמאָנט די טיפּישע טענה פאַר אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, באַגרינדעט אויף אַביסל אַ צו געוואַגטער אויסטייטשונג פון אַלטן טעסטאַמענט, וואָס ווערט געבראַכט איז דער פּאָליטישער אָפּהאַנדלונג פון דאַנטע. אין דעם גרויסן ניי־צייטיקן קריזיס פון דער מאָנאַרכיע איז דער דאָזיקער אַרגומענט ווידער לעבעדיק געוואָרן. דער אַריסטאָקראַטישער ראָבערט פילמער, צום ביישפּיל, האָט רעזומירט יאָרהונדערטער פון דיסקוסיעס, דערקלערנדיק, אַז פּונקט ווי אדם הראשון איז געווען דער האַר פון אַלע באַשעפענישן לויטן באַפעל פון גאָט, אַזוי איז אויך אַ קעניג, לויט געטלעכן רעכט, דער נאַטירלעכער פאָטער פון אַלע זיינע אונטערטאַנען; די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קעניג איז דערפאַר נישט פאַר זיינע אונטערטאַנען נאָר צו גאָט אַליין, און בלויז גאָט קאָן אים אַרונטערזעצן. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט (און פילע אַנדערע פון זעלביקן כאַראַקטער) האָט געגעבן פּלאַץ פאַר דער מיזאַמער און צעשטערנדיקער קריטיק פון דזשאָן לאָק אין ערשטן פון זיינע „צוויי אָפּהאַנדלונגען וועגן רעגירונג" (1690). די צווייטע פון זיי האָט ער געווידמעט צו דער טעזע, אַז קעניגן האַלטן אָן זייער אַמט מיט דער צושטימונג, און ביי דער צופרידנקייט פון די בירגער, און אין עקסטרעמע פאַלן, ווען עס העלפט נישט דאָס אַפּעלירן צו די ערדישע מאַכטן, האָבן די בירגער דאָס רעכט צו „אַפּעלירן צום הימל". דאָס אַפּעלירן צום הימל מיינט אוודאי מאַכן אויפשטאַנד, אַ ווענדונג פון מענטשלעכער צו דער געטלעכער גערעכטיקייט, און דאָס איז אַ תנ"ך־אידעע (שמות, כ"ב). און סאָק אַליין ברענגט צום סוף פון זיין ווערק דעם פּרעצעדענט פון שופט יפתח (שופטים י"א, 27). דער דאָזיקער אַפּיל צום „העכסטן ריכטער" איז דער לעצטער רעקורס פון דעם באַליידיקטן מענטשלעכן געוויסן. לאָק פּראָקלאַמירט דאָ דעם עצם מהות פון פּראָטעסטאַנטיזם.

עס איז אָנגענומען אין דער געשיכטע פון פּאָליטישער טעאָריע, אַז דאָס איבערדעמאָנטע ווערק פון לאָק האָט אויף אַ דירעקטן אופן אינספּירירט די אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע; און עס פּאַסט זיך אַז אַ געשיכטע וואָס הייבט זיך אָן מיט אברהם, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין היימלאַנד און פאָלק, בכדי צו מאַכן זיין היים דאָרט ווו ער וועט קאָנען דינען גאָט אויף זיין אייגענעם דרך, זאָל קאָנען האָבן צווישן אירע שפּעטערדיקע קאַפּיטלען אָט די קרעפטיקע און ווייטגייענדיקע דאָקומענטן. און, ליטעראַרישע שייכות איז אַ זייט, עס איז געוויס פאַראַן אַ צוזאַמענבונד צווישן די פּאָטערס פון אָט די אַזוי פאַרשיידענע פעלקער און עפּאָכן. פאַראַן אַן אייניקייט און איבערצייגונג, וואָס בינדט זיי צוזאַמען, אַן אייניקייט, וואָס איז געשטאַרקט געוואָרן דורך לערנען די אַלטע שריפט. ווי דער תהילים זינגער, ווייסן זיי אַז „גאָט וועט שטיצן די זאַך פון אָרעמאַן" און זיי זענען גרייט צוצולייגן אַ האַנט צו דעם:

ניט ווי דער קופּערנער גיגאַנט פון גריכישן רום
מיט מעכטיקע אברים אויסגעשטרעקט פון לאַנד צו לאַנד,
דאָ ביי אונדזערע פון ים־געוואַשענע מערב טויערן, זאָל שטיין,
אַ מעכטיקע פרויען־געשטאַלט מיט אַ שטורקאַץ, וועמענס פלאַם
אַ געפאַנגענער בליץ, און איר נאָמען —
מוטער פון די פאַרטריבענע. פון איר ים־לאָמטערן אין האַנט
זאָל שימערן אַ גרוס דער גאַנצער וועלט; אירע מילדע אויגן באַהערשן
דעם האַפן־בריק, וואָס פאַרייניקט דורך דער לופט צוויי צווילינג־שטעט:
האַלט פאַר זיך, אָ! אַלטע לענדער, אייער אָנגעזאַמלטע פראַכט! אַזוי שרייט זי
מיט געשלאָסענע ליפּן. גיט מיר אייערע אויסגעמאַטערטע, אייערע אָרעמע,
אייערע צעטומלטע מאַסן וואָס שטרעבן צו אָטעמען פריי,
דעם צעבראָכענעם אָפּפאַל פון אייערע איבערגעפולטע ברעגן.
שיקט זיי, די היימלאָזע, פון שטורעם־צעטרייסלטע צו מיר!
איך הייב אויף הויך מיין לאָמפּ ביים גאָלדענעם טויער.

(„דער נייער קאָלאָס" — אַ סאָנעטא פון עמא לאַצארוס, אויס־געקריצט אויף דער פרייהייט־סטאַטוע ביים האַפן פון ניו־יאָרק).

8) עס איז בעיקר אויפן פעלד פון באַציאונגען צווישן מענטשן, וואָס דער יידישער געדאַנק איז געווען באַזונדער וויכטיק. זיין אינטע־רעס איז אין מענטשן־געמיינשאַפטן און זייער אָרגאַניזירטקייט, און דאָך באַגרייפט ער שטענדיק, אַז געמיינשאַפטן זענען צוזאַמענגעשטעלט פון יחידים און עס איז דער יחיד, וואָס דאַרף לעבן דאָס לעבן. די באַ־זע פון געמיינשאַפטלעכן לעבן איז די פערזאָן, פונקט ווי די דערציאונג פון דער פערזאָן איז איר צוועק.

מיר מעגן דאָ נאָכאַמאָל ציטירן אַ אויסצוג וואָס מיר האָבן שוין געבראַכט פריער:

„און אויב עס וועט אין אייער לאַנד מיטוווינען אַ פרעמדער, זאָלט איר נישט שווער מאַכן דאָס לעבן פאַר אים. לאָזט אים זיין ווי איינער פון אייערע לאַנדסלייט און האָט אים ליב ווי זיך גופא; ווייל ווי פרעמ־דע האָט איר געלעבט אין דעם לאַנד מצרים". דאָ ווערן מיר אויפגעפאָ־דערט צו זיין פריינטלעך צו אַנדערע, ווייל מיר ווייסן פון דערפאַרונג וואָס עס מיינט ווען אַנדערע זענען נישט פריינטלעך צו אונדז; אָט די באַגרינדונג פון אָנשטענדיקער אויפפירונג איז באַקרעפטיקט הורך אַ היסטאָרישער דערמאַנונג: איר זענט געווען פרעמדע אין מצרים און ווייסט דערפאַר וואָס עס מיינט צו מאַכן איינעם ער זאָל זיך פילן פרעמד. דער רוף גייט צום יחיד פאַר דעם יחיד, אויפן גרונט פון דער־פאַרונג בנוגע דער פערזענלעכקייט.

מען קאָן מיינען אַז מיר האָבן דאָ „אַ היילקייט־געזעץ, וואָס דאַרף דינען פאַר דער אויפפירונג פון אַ אויסדערווײלטן קלאַס פון פריסטער; אָבער די זעלביקע אויפפאָדערונג, מיט דער זעלביקער באַגרינדונג, ווערט איבערגעחזרט אָן אויפהער און אומעטום. לויט די חז"ל האָבן עס אויס־גערעכנט, איז דער געבאָט צו זיין פריינטלעך צו פרעמדע געגעבן גע־וואָרן אין חומש נישט ווייניקער ווי 36 מאָל. די דערפאַרונג פון דער מצרישער שקלאַפעריי, פונקט ווי פון דעם געצנדינסט „פון יענער זייט

טייך", שיינען צו האָבן אָנגעשלאָגן אַזוי שאַרף אין באַוווסטזיין פון דעם גאַנצן פאָלק, אַז די עצם דערמאָנונג שיינט צו סטימולירן פריינטלעכ־קייט. אַפּילו אַ געדונגענער באַדינער, דאַרף באַפּרייט ווערן נאָך זעקס יאָר אַרבעט, און ער דאַרף „פרייגיביק באַזאָרגט ווערן" און נישט אַוועק־געשיקט ווערן מיט ליידיקע הענט. און מיר האָבן דאָ ווידעראַמאָל דעם זעלביקן מאָטיוו; איר זענט געווען שקלאַפן אין מצרים און איר ווייסט אַזוי אַרום וואָס דינסט מיינט. די גאַנצע באַטאָנונג איז אין אונדזער געמיינזאַמער מענטשלעכקייט: „ווייל איר קענט (פילן) דאָס האַרץ פון פרעמדן".

9) עס איז כדאי געווען נאָכאַמאָל איבערצוחזרן דעם פונקט, אין וועלכן מיר האָבן דעם קלאָרן און אַנטשיידנדיקן ווענדע־פונקט אין דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש, וואָס איז פיל שפּעטער פאָרמולירט געוואָרן אין דער קאַנטיאַנער פאָרמולע אַז „פערזאָנען" זענען נישט קיין „זאַכן" און אַז מענטשלעכע וועזנס טאָרן קיינמאָל נישט באַהאַנדלט ווערן ווי בלויז געצייג. פאַרן יידישן געדאַנק דאַרף די געהעריקע באַצי־אונג פון מענטש צו מענטש זיין אַ פּערזענלעכע. און דאָס איז דערפאַר, וואָס דער מענטש, דאָס הייסט, יעדער אייגציקער מענטשלעכער וועזן, טראָגט אין זיך די ענלעכקייט צו גאָט. אויסערלעכע באַטראַכטונגען ווערן אין לעצטן תוך נישט גענומען אין אַכט. עס דאַרף זיין דאָס „נישט שטעלן אין חשבון דעם מצב פון אָרימאַן", פונקט ווי עס דאַרף זיין דאָס „נישט אַכטן די שטעלונג פון דעם גרויסן מאַן". מאַכט, געזעלשאַפטלעכע לאַגע, רייכטום און אָרימקייט, זענען נישט וויכטיק. וואָס עס אינטערע־סירט איז דער מענטש גופא, אַלס מענטש; זיין כאַראַקטער, זיין אינער־לעכער ווערט, וואָס ער איז אין תוך. דערפאַר זענען מענטשן אין גרונט גענומען גלייך, ווי פאַרשידן עס זאָלן נישט זיין זייערע אומשטענדן און באַגאַבונגען: קלוג און נאַריש, הויך און נידעריק, רייך און אָרים, זענען אַלע פאַרייניקט אין דעם, וואָס איין גאָט האָט זיי אַלעמען באַשאַפן.

דער אורשפּרינגלעכער פאַקט פון דער גלייכהייט פון מענטשן אַלס פּערזאָנען איז אויסגעדריקט אין דער ביבלישער באַצייכענונג פון אַ מענטשלעכן וועזן: בן־אָדם — „מענטשן־קינד"; אַן אויסדרוק, וואָס

קאָן אויך איבערזעצט ווערן ווי „קינד פון אָדם". חז"ל פלעגן נוצן דעם סינאָנים „דער וואָס איז באַשאַפן אין גאָטס אָפּבילד", אַ טערמין, וואָס באַצייכנט נישט נאָר די חשיבות פון מענטשן, נאָר אויך זיין אחריות. ווי „מענטשן־קינד", אָדער „זון פון אָדם", נוצט ער אויך צו דערמאָנען אונדז אין דער איינציקייט פון מענטשלעכן מין, וואָס שטאַמט פון איין שורש, און אַלס פועל־יוצא די פליכט פון קעגנזייטיקער הילף. „האָט אים דען גאָט נישט באַשאַפן פונקט אַזוי ווי מיך?" פרעגט איוב, און מיט דער פראַגע באַציט ער זיך נישט צו פריינט אָדער שכנים, אָדער קרובים, נאָר צו זיין קנעכט און דינסט, ד"ה צו די אונטערדריקטע קלאַסן פון אַל־טערטום: „האָט אים דען גאָט נישט באַשאַפן גלייך ווי מיך? האָט ער אונדז דען ביידן נישט געגעבן דאָס לעבן אין אונדזער מוטערס גוף? ווייל איך בין דאָך אָפּגעהיט געוואָרן פון גאָט ווי פון אַ פאָטער, זינט מיינע פריסטע טעג..." און ווייל מיר האָבן אַ געמיינזאַמען פאָטער וואָס גיט אַכטונג אויף אונדז אַלעמען, זענען מיר מחויב אַכטונג צו געבן איינער אויפן צווייטן. די ביאָלאָגישע איינהייט פון מענטשלעכן מין, וואָס ווערט פעסטגעשטעלט אין דער חומש־דערציילונג, באַקומט דאָ איר פולע עטישע באַדייטונג.

10) און ווו אַלע זענען גלייכע מענטשן־קינדער און גאָטס באַשעפע־נישן, איז די איינציקע מעגלעכע אַריסטאָקראַטיע די גייסטיקע. לערנט אַ תלמודיש וואָרט, אַז עס איז בילכער אַ תלמיד־חכם פון אומבאַקאַנטן יחוס, ווי אַ כהן־גדול, וואָס איז אַן עם־הארץ. וויסן איז אַ פאַרמעגן, וואָס קאָן נישט פאַרלוירן גיין: „אויב דו האָסט וויסן, וואָס־זשע פעלט דיר?" — זאָגט אַן אַלט העברעאיש וואָרט; „האָסטו נישט קיין וויסן, וואָס־זשע פאַרמאָגסטו?". אַזוי האָט דער יידישער געדאַנק פאַרביטן דעם קולט פון מאַכט, סיי צוליב רייכקייט, סיי צוליב יחוס, סיי צוליב הויכע אַמטן, מיטן קולט פון וויסן. און וויסן — חכמה — האָט מען אונדז מערערע מאָל געזאָגט און ווידערהאָלט, איז בעסער פון צירונג, פון גאָלד און פון זילבער; זי איז נישט נאָר פריי פאַר אַלע מענטשן, זי איז אויך דער הויפּט־אינסטרומענט פון גאָט.

עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ אויפצוקלערן די באַציאונג צווישן

די גוט באַקאַנטע לויב פאַר חכמה אין משלי, למשל, און די פריע אָדער שפּעטערע גריכישע דאָקטרין, מיט איר גוואַלדיקן איינפלוס אויף דער שפּעטערדיקער טעאָלאָגיע, כאָטש מען פאַרגעסט צו אָפט, אַז חכמה איז אַ שליסל־וואָרט נישט נאָר אין דער אַזוי גערופענער חכמה־ליטעראַטור, נאָר דורך דעם גאַנצן תנ״ך, תורה, נביאים און תהלים צוגלייך. פאַר אונדז איז נאָכאַמאָל וויכטיק דאָס וואָס מיר האָבן אין חכמה אַ באַגעגונגס־אָרט צווישן מענטש און גאָט, צווישן דעם טראַסצענדענטן און אימאַנענטן, ענלעך צו דעם וואָס מיר האָבן פריער אָנגעמערקט אין דער ספּערע פון מאָראַל. אַוודאי איז דאָ חכמה אַ מאָראַלישער באַגריף. עס איז נישט נאָר דער אַרכיטעקטור־פּלאַן פון דער פיזישער וועלט, דאָס „וואָרט" דורך וועלכן „הימל און ערד זענען באַשאַפן געוואָרן". עס איז אויך האַס פון שלעכטס, פון גאווה, פון זעלבסטגלויבן, פון אַ פאַלשער צונג. עס איז דער גרונד פאַר דער אויטאָריטעט פון די מלכים.

עטיק און פּאָליטיק זענען בכן אומצערייסבאַר צונויפגעפלאָכטן, אָבער עטיק בלייבט פאָרט אויבנאָן. דעם קעניגס רצון, ווי מיר האָבן עס געזען אין דודס אָדער אחאב׳ס פאַל, מאַכט נישט פון שלעכטס גוט. אייגער פון די שאַרפסטע אורטיילן, וואָס אַ נביא האָט ווען נישט איז אַרויסגעזאָגט, איז יחזקאל׳ס פאַראורטיילונג פון דעם מלך פון יהודה אין זיין צייט, מחמת ער האָט געבראָכן דאָס וואָרט לגבי זיין באַזיגער. אַ שבועה איז אַ שבועה, אָן אָפּמאַך — אָן אָפּמאַך, אפילו ווען זיי זענען דיקטירט פון מלוכה־אינטערעסן אָדער אָנגענומען בעל־כרחו. זיי צו ברעכן איז „פאַר־ראַט קעגן מיך", ד״ה קעגן גאָט (זע יחזקאל, י״ז, 20).

11) דער העכסטער פּונקט פון דער פּאָליטישער טעאָריע ליגט אין די באַציאונגען צווישן שטאַט און שטאַט. אויך דאָ איז דער פּרינציפּ דאָס באַנוצן חכמה אין דינסט פון מאָראַל; דער מאָטאָ איז: „נישט מיט מאַכט און נישט מיט קראַפט, נאָר מיט מיין גייסט". די פעלקער וועלן אַרויפגיין צום הויז פון גאָט וואָס וועט שטיין העכער פון אַלע בערג, בכדי דאָרט צו לערנען דאָס וויסן פון זיינע וועגן. און, „ער וועט ריכטן צווישן די אומות... און זיי וועלן צעברעכן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס... זיי וועלן קיינמאָל מער נישט לערנען זיך קיין מלחמה". די

אָנערקענונג פון איין גייסטיקער אויטאָריטעט, דאָס אונטערוואַרפן זיך אונטער אירע באַשלוסן, דאָס פאַרוואַנדלען די וואפן פון מלחמה אין געצייג פון שלום — דאָס איז דער עיקר פון ענין. אין פּרינציפּ איז מלחמה נישט קיין אופן פון שליכטן קאָנפליקטן, און דאָס אנערקענען אָט דעם פאַקט איז נישט פון די קלענסטע דערגרייכונגען פון יידישן געדאַנק, וואָס לעבט נאָך ביז היינט צו טאָג. ישעיהו׳ס וויל־באַקאַנטע באַשרייבונג פון דער „פאָן פאַר פעלקער״, וואָס דאַרף אַרויסקומען פון „ישי׳ס שטאַם״, פּראָקלאַמירט איינע פון די טיפסטע אַספּיראַציעס פון דער מענטשהייט אין פאַרבייטן קראַפט מיט חכמה. מען קאָן נאָך אַמאָל זען אין דעם די וויזיע פון אַן אומאונטערבראָכענער אייניקייט. די פעלקער זענען איין פאַמיליע, זיי זענען קעגנזייטיק פאַראַנטוואָרטלעך, און אין דער לעצטער דערגרייכונג וועט נישט בלויז איין פאָלק אָדער מדינה, נאָר די גאַנצע וועלט, „זיין פול מיט וויסן פון גאָט״.

12) מיר האָבן באַהאַנדלט דעם יידישן געדאַנק ווי ער וואָלט זיך באַגרעניצט בלויז אויפן תנ״ך. די ביבל איז נישט קיין בוך, נאָר אַ ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור וואָס דעקט הונדערטער יאָרן, און זי איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין דער ליטעראַטור, וואָס מען רופט בקיצור רבנישע, פון וועלכער דער וויכטיקסטער מאָנומענט איז דער תלמוד. עס איז נאָך נישט קיין געלייזט פּראָבלעם די פראַגע אויף ווי ווייט דאָס תלמודישע געזעץ האָט טעכניש באַאיינפלוסט דאָס אייראָפּעאישע געזעץ; אָבער עס איז קיין צווייפל, אַלס אַ ליטעראַטור האָט דער תלמוד אַ לעבנסוויכטיקע באַדייטונג פאַר די וואָס שטודירן רעליגיע. צו אים דאַרף מען זיך קערן ווען מען וויל פולקאָם פאַרשטיין די רעליגיעזע אַטמאָספער פון וועלכע עס שטאַמען סיי דאָס קריסטנטום, סיי דער איסלאַם, און עס איז אין תלמוד וווּ מיר געפינען די פאַרטיפונג פון אַזעלכע צענטראַלע אידעען ווי די מאַיעסטעטישקייט און נאָענטקייט פון גאָט, פון לערנען ווי אַן אַקט פון גאָטעסדינסט, פון דער גרויסער וויכטיקייט פון אויפפירונג און די נויטיקייט עס דעטאַלירט צו רעגולירן, פון די דערהאַבנסטע מידות פון פרומקייט, עניוות און אויפמערקזאַמקייט צום צווייטן, פון די העכסטע ווערטן פון טרייהייט, הייליקייט און שלום.

אָבער אויך דורך דעם איז די שפּעטערישע אָנשטרענגונג נישט אויסגע־שעפּט געוואָרן; און יידן האָבן געשאַפן ליטעראַטור ווי אַ באַזונדערע שאַפונג פון יענער צייט און ביז היינט. זי נעמט אַרום אַלע צווייגן, פון פילאָזאָפיע און עטיק דורך געזעץ, כראָניק און היסטאָריע, ביז פּאָעזיע, עסייען און ראָמאַנען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן סיי אין העברעאיש סיי אין די רייד־שפּראַכן פון די פאַרשיידענע גלותן — גריכיש, אַראַמעאיש, סיריש, אַראַביש, פּערסיש און אין מיטלאַלטערלעכן לאַטיין — ווי אויך אין די מאָדערנע שפּראַכן. עס וועט זיין אוממעגלעך צו פּרווון שאַפן דעם קורצסטן קאַטאַלאָג פון אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקער ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום צוויי טויזנט יאָר. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען בלויז די צוויי הויפּט־עפּאָכעס אין וועלכע זי ווערט צונויפגעהעפט ביז אַ געוויסער מאָס מיט דער שפּעטערדיקער אייראָפּעאישער קולטור און האָט אַ גע־וויסן חלק אין איר אויסבילדונג.

די צוויי עפּאָכן זענען די פון דעם סכאָלאַסטישן רענעסאַנס אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט, און דעם וויסנשאַפטלעכן רענעסאַנס אין 17טן יאָרהונדערט.

דער סכאָלאַסטישער רענעסאַנס, געקרוינט פון גרויסן נאָמען פון טאָמאַס פון אקווינא, שטעלט מיט זיך פאָר אַ דויערהאַפטן סינטעז צווישן רעליגיע און וויסנשאַפט, די צוויי גרויסע כוחות, וואָס האָבן דאַן ווי איצט געקעמפט פאַר באַוועלטיקן דעם מענטשלעכן געדאַנק. דער וויסנשאַפטלעכער רענעסאַנס, וואָס האָט דורכגעבראָכן דעם סכאָלאַס־טישן סינטעז, האָט געפאָדערט אַ נייע אייגענע וועלט־אַנשויאונג. אין יעדער איינער פון אָט־די צוויי גרויסע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונ־גען האָבן יידן געשפּילט אַ ראָלע. און אין ביידע פאַלן איז דער הויפּט קאַנאַל געגאַנגען דורך די ווערק פון משה בן מימון (רמב״ם), וועמען מיר ווידמען דאָ עטלעכע שורות.

משה בן מימון (רמב״ם — 1135 — 1204) איז געווען דער גרעס־טער מיטלאַלטערלעכער סיסטעמאַטיזירער פון יידישן געדאַנק אין אַלע הינזיכטן. ער האָט פאָרמולירט די גרויסע זאַמלונג פון די רבנישע לע־רעס, ער האָט פאַרפאַסט אַן אייגענעם קיצור פון תלמוד, ער האָט פאַר

אַלץ געזוכט אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג. אין אָט דער אויפגאַבע האָט ער זיך געשטעלט פנים־אל־פנים מיטן האַרבן פּראָבלעם פון קאָנפליקט צווישן רעליגיע און דער וויסנשאַפט פון יענע צייטן, און טאַקע דורך דעם האָט ער דערגרייכט זיין וויכטיקייט פאַר די צוויי עפּאָכעס וואָס מיר האָבן אָנגעצייכנט. דער סינטעז וואָס ער האָט געמאַכט צווישן דעם תנ״ך און דער לערער פון אַריסטאָטעלן האָט אויסגעבראָכן דעם וועג פאַר דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק, בשעת זיין שטעלונג צו די אַראַבישע טעאָלאָגן פון זיין צייט, האָט געפירט צו רעזולטאַטן, וואָס האָבן טיף באַווירקט שפּינאָזאַן, און דורך אים די אינטעלעקטועלע מאָדעלן פון דער מאָדערנער וועלט. וועגן דעם אַלעמען מוז מען אַריינקוקן אין די ספּעציעלע ווערק; וואָס עס איבערראַשט אָבער, איז צו באַמערקן ווי די יידישע דענקער זענען, לויט עס שיינט, געווען באַקאַנט ביי די געלערנטע פון אייראָפּע צווישן דעם 13טן און 17טן יאָרהונדערט.

13) אָבער דאָ מוז געמאַכט ווערן אַ באַוואָרעניש. אין אַ געוויסן זין איז דער ביישטייער, וואָס יידן האָבן געמאַכט פאַרן דערמאָנטן פּעריאָד בעצם ניט יידיש.

ווען דער רמב״ם, וואָס איז שפּעטער נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון טאָמאַס אקווינא, האָט מעכטיק געטענהט קעגן דער אָנגענומענער שיטה פון די דענקער פון זיין צייט און האָט דערוויזן אַז די אָנגענומענע אַרגומענטן קעגן דעם, אַז די וועלט האָט ווען עס איז געהאַט אַן אַבסאָלוטן אָנהייב, זענען גאָר לאָגיש נישט גילטיק, האָט ער געגעבן אַ ריכטליניע צו דער זאַך פון רעליגיע, וואָס קאָן מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי יידיש. צוליב דער מבוכה, וואָס האָט זיך געשאַפן ווען דער עיקרדיקער יידישער גלויבן אין וועלט־באַשאַף איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער אַריסטאָטעלישער לערע וועגן דער אייביקייט פון דער וועלט, איז דער רמב״ם געצוווּנגען צו באַטראַכטן אָט דאָס פילאָזאָפישע פּראָבלעם און פאָרשלאָגן זיין אייגענע לייזונג. דאָס איז אַ יידישער ביישטייער אין פולסטן באַדייט פון וואָרט. עס איז אַ פּרווו פון אַ יידן, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דער ליטעראַטור און טראַדיציע פון זיין פאָלק, צו לייזן אַ אינטעלעקטועל פּראָבלעם, פון דרינגענדער וויכטיקייט פאַר דעם

גערדאַנקענגאַנג פון זיינע צייטן, אין דעם גייסט פון זיין טראַדיציע און מיט איר הילף.

אָבער ווען יידן האָבן אַדאַנק זייערע ברייטע אינטעלעקטועלע אינ־טערעסן און נאָך ברייטערן קענען פון שפּראַכן, גענומען אַן אָנגעזעע־נעם אַנטייל אין איבערזעצן אויף לאַטיין די ווערק פון גריכישע און אַראַבישע דענקער, וואָס האָט געהאָלפן צו פורעמען דעם געדאַנק פון מיטלאַלטער, איז שווער צו זאָגן אַז זייער ווערק איז געווען יידיש; עס איז געווען בלויז אַ ווערק פון גרויס וויכטיקייט געמאַכט פון יידן. עס איז נישט געווען קיין אַרבעט פון שאַפן נאָר פון איבערגעבן, און די אי־בערגעגעבענע ביכער זענען געווען די קלאַסיקער פון אַלגעמיינעם דענ־קען, נישט בלויז יידישע לויט מחברים און אינהאַלט. (אַן ענלעכע באַ־מערקונג קאָן מען מאַכן אין באַצוג צו דער יידישער באַטייליקונג אין פאַרשידענע פעלדער פון באַמיאונג אין די מאָדערנע צייטן: פילאָנ־טראָפּיע, זשורנאַליזם, קונסט, מוזיק, בינע, ווי אויך רעכט, עקאָנאָמיק, מעדיצין, פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע און די נייע אַנטוויקלונג פון מאַ־טעמאַטישער פיזיק. עס איז אַ ביישטראָג געמאַכט פון יידן, אָבער נישט לויט דעם אינהאַלט, נישט לויט דער כוונה איז עס אַ יידישער ביי־טראָג; ווען אפילו זיי האָבן צו פאַרדאַנקען פיל, סיי זייער אינספּיראַציע, סיי זייער אימפּעט, דער ליבע צו לערנען און דעם אַלגעמיינעם פאַרכאַפּט ווערן פון שכליות, וואָס האָט אַלעמאָל באַצייכנט די יידישע לעבנס־טראַדיציע דורך איר לאַנגער און אומרואיקער געשיכטע).

14) אַ צווישנדיקע און אַביסל צווייטיטיקע פּאָזיציע פאַרנעמט די אַזוי גערופענע קבלה, ד״ה די יידישע מיסטישע ליטעראַטור. די וואָרצ־לען פון דער ליטעראַטור קאָנען געצויגן ווערן אויף צוריק ביז צו גאָר אַלטע צייטן, (הגם איר וויכטיקסטער מאָנומענט, דער „זומר״ — דאָס בוך פון שיין — איז געקומען אויף דער וועלט אין דרייצנטן יאָרהונ־דערט) און אירע קריסטלעכע אָנהענגער פון פופצנטן יאָרהונדערט האָבן זי באַטראַכט ווי אַן אויסדרוק פון אָריגינעלער יידישער חכמה. עס שיינט אָבער, אַז איר פילאָזאָפישע דאָקטרין איז אַ מין גנאָסטישע אָדער נעאָ־פּלאַטאָנישע ספּעקולאַציע און ווען אַפילו זי איז וויכטיק פאַר דער אי־

נערלעכער געשיכטע פון יידנטום האָט זי אָבער אַ קליינעם אייגענעם ווערט פאַר דער וועלט.

דאָך האָט זי צוגעצויגן היפּש לערנער און האָט געהאַט די אומדערוואַרטסטע תולדות: פון די רעליגיעזע דאָקטרינען פון די שוועדישע און רוסישע טעאָזאָפן, ביז די עסטעטישע טעאָריעס פון די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער. עס איז געווים באַדייטונגספול וואָס נישט־לאַנגסטיקע ווערק וועגן אַזעלכע פאַרשידענע שרייבער ווי מילטאָן, היוגאָ, און רענבאָ זענען געצוווּנגען געווען צו שענקען דער יידישער מיסטיק פיל אויפמערקזאַמקייט. איר הויפּט־ווערק, דער זוהר, איז געשריבן אין אַ ברייטפאַרנעמיקן סטיל, פול מיט איבערראַשנדיקע בילדער און עקסטראַוואַגאַנטע (אויף נישט צו זאָגן גראָטעסקע) פאַרגלייכן. דאָס בוך איז זייער פאַרשידן אין די ענינים וואָס עס באַהאַנדלט, און נישט קלאָר אין זיין סטיל. עס פאַרמאָגט היפּש אידעען, ווייניק סיסטעם. שטענדיק מאלעריש איז עס אָפטמאָל דערהויבנדיק און ביי געלעגנהייטן טיף. פאַר אַ סך האָט עס אויסגעזען ווי אַן אוצר פון געטלעכער אינספּיראַציע, פאַר אַנדערע — ווי אַ מאָנומענט פון מענטשלעכער לייכטגלויביקייט און זעלבסט־נאַרעריי. עס קאָן מסתמא אַמבעסטן באַגריפן ווערן ווי אַ פאַרפלאָנטערט געמיש פוןביידע זאַכן צוזאַמען. דאָך וואָלט עס געווען אַ טעות צו באַטראַכטן דאָס בוך פון דעם שטאַנדפּונקט פון ריינער פילאָזאָפיע. עס איז גיכער אַן אויפברויז קעגן פילאָזאָפיע, און זיין אינטערעס פאַר שפּעטערדיקע דורות באַשטייט אין פאַרוואַנדלען די ביבלישע דערציילונג (עס איז דאָך געבויט ווי כלומרשט אַ פירוש אויף דער תורה) אין אַלעגאָריעס פון אינערלעכן לעבן און אין זיין אינסיסטענץ אויף מאָראַלישע כוונות בשעת דורכפירן רעליגיעזע צערעמאָניעס, הגם אויך אין דעם זין איז ער אין דעם זעלביקן שטראָם פון אַ סך דענקער וועמענס פּראָטאָטיפּ (און היסטאָריש דער מאָדעל פאַר אַ סך ערשטע קירכן־פאָטערס), איז דער ייד פילאָן פון אַלעקסאַנדריע פאַר דער קריסטלעכער צייט.

15) ביז אַהער האָבן מיר געשמועסט וועגן געדאַנק, אויסגעדריקט אין דער ליטעראַטור, אָבער געדאַנק קומט אויך צום אויסדרוק

אין לעבן גופא; און מען דאַרף זיך פרעגן וואָס פאַר אַן איינפלוס האָט דאָס לעבעדיקע יידנטום געהאַט אויף דער מענטשהייט. „פאַראַן אַ פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך, און זייערע געזעצן זענען פאַרשידן פון די פון אַלע אַנדערע פעלקער...‟ אַזוי זאָגט המן אין מגילת אסתר, געבנדיק דעם קלאַסישן אויסדרוק פון „ווי־דערווילן לגבי דעם נישט־ענלעכן‟, דעם שורש פון גאָר אַ סך מענטש־לעכע צרות. ווען אפילו המנס פּרווו צו צעשטערן די יידן האָט זיך נישט איינגעגעבן — און ס׳מאַכט נישט אויס צי די מעשה איז היסטאָריש אָדער נישט — האָט ער זיך אָבער שטענדיק אַרויסגעוויזן צו זיין טי־פּיש. די פסח־פייערונג געפּראַוועט יערלעך דערמאָנט אין אַ סך באַ־פרייאונגען פון אַ סך מצרימס ווו יידן זענען ניצל געוואָרן פון פאַר־ניכטונג. ווייל די נישט־ענלעכע וואָס בלייבן ווי זיי זענען, לעבן ווייטער ווי אייביקע פּראָטעסטאַנטן, און טראָגן אַריין יוירונג אין דער מענטש־הייט דורך דעם עצם פון זייער נישט אַריינגעפּאַסטער עקזיסטענץ.

יידנטום שאַפט אַזוי אַרום אַ פּראָבלעם פאַר דער מענטשהייט: טעאָ־רעטיש ווי פּראַקטיש. איז עס ווי עס ווערט (אין אַ געוויסן זין) באַטראַכט פון דער קירכע, אָדער (אין אַ גאַנץ אַנדערן זין) פון די מאָדערנע פילאָ־זאָפן — „דער שליסל צו געשיכטע‟? האָט יידנטום אַלץ איבערגעלעבט בכדי צו זיין אַן עדות־זאָגער איצט און שטענדיק צו אַ נייעם לעבנס־וועג פאַר דער מענטשהייט? די פאָרעם פון די פראַגעס איז אַזוי אַלט ווי די אַלטע ענטפערס. אין אַן עקזיסטענציאַליסטישער וועלט זענען „מיסיעס‟ אויסער מאָדע, דאָך איז דער מענטש געוואָרן אַ דרינגענדיק פּראָבלעם פאַרן אייגענעם איך. און וואָס עס איז ריכטיק היינט וועגן אַלע מענטשן איז געווען ריכטיק אין משך פון יאָרהונדערטער בנוגע די יידן, דער בלויזער פאַקט פון יידישער איבערלעבונג באַאומרואיקט. עס איז אַן אייביקער סטימול צום מענטשלעכן דענקען, ווי עס איז אַ שטענדיקע אָנרעגונג פאַרן געוויסן.

היסטאָרישע איבערזיכטן האָבן געלערנט פאַרשידענע פאַרשער פאַר־שידענע זאַכן. פילע האָבן געזען אין יידנטום די גרונטליניעס פון אַ ווירקלעכער אינטערנאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, אַנדערע האָבן געפונען אין

אים אַ ביישפּיל פון דעם ענגהאַרציקסטן נאַציאָנאַליזם. אפשר איז דער ענטפער ווי אין יענער באַרימטער פראַזע פון דזשאָעט: „נישט דאָס, נישט יענץ און ביידע", דאָס פונאַנדערשיידן וועט קיינמאָל נישט אַרויס־קומען פולקאָם. אָבער מען מוז צוגעבן לכל הפחות אַז אַ פשוטער פירוש־שליסל איז ניט גענוג אויף צו עפענען די דאָזיקע טיר. די יידן זענען אַ לעבעדיקער עדות פון דעם באַנקראָט פון דער מערהייט היסטאָרישע טעאָריעס, בתוכם אויך פון די, וואָס ווערן גערופן די סאָציאָלאָגישע טעאָריעס.

V. עפּילאָג

1) דער יידישער געדאַנק איז דאָמינירט דורך דער אידעע פון גאָט, מיט זיינע אוממיטלבאַרע און קאָמפּלעמענטאַרע פּועל־יוצאס פון פרייהייט און געזעץ. וועגן ערשטן שטאָם־פאָטער אברהם ווערט דער־מאָנט, ווי גאָט האָט אים ארויסגעפירט פון פאַרשקלאָפונג פון „יענער זייט טייך", פונקט ווי זיינע אייניקלעך זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון שקלאָפעריי פון מצרים; און די העכסטע וויזיע פאַר זייער צוקונפט איז געווען די שפּעטערדיקע באַפרייאונג פון דער פאַרשקלאָפונג צו דער אויסערלעכער וועלט, דורכן איינשרייבן די תורה „אין זייער האַרץ". אָבער די פרייהייט איז בלויז פרייהייט צו לעבן אונטער געזעצלעכקייט. פרייהייט איז די באַזע פון יעדן געמיינשאַפטלעכן לעבן, געזעץ — גערעכטיקייט, זענען דער געבוי און די גאַראַנטיע; און דאָס געזעץ, פונקט ווי פרייהייט, איז אויך אַזוי פיל פעסטער באַגרינדעט אויף ווי־פיל עס ווערט איינגעקריצט אין האַרצן. פאַראַן פאַרשידענע סאָרטן פאַרשקלאָפונג. עס קאָן זיין גייסטיקע פונקט ווי מאַטעריעלע. די ערגס־טע פאַרשקלאָפונג איז די פון שכל.

דער שכל ווערט פאַרשקלאַפּט, ווען ער ווערט באַגרעניצט דורך וועל־כע ס'איז נישט קאַטעגאָריעס, וואָס זענען נישט צוגעפּאַסט צום גאַנצן. פאַראַן פאַרשידענע, ווי למשל: העלצער און שטיינער, פּראַזעס, מי־טאָסן, רייכטום, פּאָליטישע מאַכט. דאָס אַלץ קרעמפירט און באַגרע־ניצט, און קעגן דעם האָט דער יידישער געדאַנק אַלעמאָל געקעמפט. זיין גאָט איז אייפערזיכטיק, ער וויל נישט האָבן קיין אַנדערע געטער אוי־סער אים, אַזוי אַרום איז ער דער העכסטער באַפרייער.

דער לעצטער און ברוטאַליזירנדיקסטער געץ געשאַפן פון מענטשן איז דער אַלץ־קאָנטראָלירנדיקער און אין אַלץ אינטערווענירנדיקער שטאַט, און די לעצטע פרייהייט קומט צום מענטשן פון דער אנערקע־

בונג פון זיין פּערזענלעכער און אוממיטלבאַרער אָפּהענגיקייט פון גאָט, אל אלהי הרוחות לכל בשר. פון דאָנען דער העכסטער כתב פון אומ־אָפּהענגיקייט: „זיי זאָלן נישט זיין קיין שקלאַפן ווייל זיי זענען מ יי נ ע דינער". ווי דער קאַטאָליק פּעגי שרייבט וועגן ייד אליעזר: „איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַ מענטש זאָל אַזוי גלויבן און ביז אַזאַ פּונקט וויסן, אַז די גרעסטע ערדישע מאַכטן... זענען עס נאָר צוליב די אינערלעכע גייסטיקע מאַכטן..."

אויב עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי „אַ יידישער גייסט", און אויב דער יידישער גייסט אַלס אַזעלכער האָט עפּעס וואָס צוצוגעבן צום אַלגעמיין־מענטשלעכן פּאַרמעג, קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז זיין געפיל פון אַבסאָלוטן.

2) מיר האָבן אָנגעצייכנט אידעען, אָבער דער פּאַראַדאָקס מיט די אידעען איז דאָס וואָס זיי זענען פאַרשידן פון די פאַקטן, און דאָך האָבן פאַקטן זייער רעאַליטעט נאָר דורך זייער אָנטייל אין אידעען. אייניקע פון די אידעען, וואָס מיר האָבן עקספּאָנירט, זענען אין הסכם מיט פאַקטן. עס לאָזט זיך אָבער זאָגן, אַז די געשיכטע פון דער מענטשלעכער קול־טור איז די געשיכטע פון די פּאַרזוכן צו מאַכן פון אידעען — פאַקטן.

היינט צו טאָג שיינען זיי צו זיין ווייטער ווי שטענדיק פון די פאַקטן. מיט די אבשיילעכקייטן פון לעצטן וועלט־קריג — גאַז־קאַמערן, קאַצעטן, מאַסנמאָרד — וואָס לעבן נאָך אין אונדזער זכרון, איז שווער צו ריידן איבערצייגנדיק וועגן דער גוטסקייט פון גאָט און זיין השפּעה אויף היסטאָריע. פאַר אונדזערע אייגענע אויגן שיינט די היסטאָריע צו זיין צוזאַמענגעבראָכן.

3) עס איז אַ טראַגישע נאָטע אויף צו פאַרענדיקן, אָבער זי שיינט צו שטימען מיט די פאַקטן. אויב אידעעס קאָנען העלפן איז עס נאָר דורך גלויבן, אַ גלויבן וואָס איז אָבער נישט אין קעגנזאַץ מיט די „מעשים", אוודאי נישט צעקריגט מיט די מעשים, נאָר וואָס שטיצט און באַקרעפ־טיקט מעשים, אַ גלויבן פון „וצדיק באמונתו יחיה" — דער גערעכטער זאָל אין זיין גלויבן לעבן. די רעליגיעזע שטרעבונג איז פאַר דערלייזונג, סיי די דערלייזונג פון דער פּערזענלעכקייט אַליין, סיי פון דער פער־

;ענלעכקייט אין דער געמיינשאַפט; און דערלייזונג איז אַ לעבן וואָס דאַרף געלעבט ווערן, נישט אַ טעאָריע, וואָס דאַרף באַגרינדעט ווערן, אָדער אַ גלויבן צו וועלכן מען דאַרף זיך אָנשליסן.

אַזאַ גלויבן הענגט נישט אָפּ פון אוממיטלבאַרן שכר, אָדער פון אַן אַנדער האָפענונג אויף שכר אָדער מורא פאַר שטראָף. ער איז ראַציאָנעל, אָבער חשבונט נישט מיט שאַנסן, ער שטאַמט פון מאָראַלישער שלימות מער ווי פון וויסנשאַפטלעכן וויסן. ער איז באַגרינדעט אויף דעם אויטאָריטעט פון געוויסן, און ער איז אַן אויסוואַל, נישט אַ בלינד צושטימען צו „כוחות וואָס מען קאָן נישט ביישטיין" און „ברוטאַלע פאַקטן". דער ביישפּיל איז דער ענטפער פון די יידן פון בבל צום קעניג נבוכדנצר ווען ער האָט זיי געפרעגט: ווער איז דער גאָט וואָס קאָן זיי אויסלייזן פון זיינע הענט? — „מיר געפינען נישט פאַר נויטיק צו ענטפערן אויף דער פראַגע"...

„זאָל עס זיין אַז אונדזער גאָט, צו וועמען מיר דינען, קאָן אונדז באַפרייען פון דעם ברענענדיקן קאַלך־אויוון, און אויך פון דיין האַנט, אָ קעניג! וועט ער אונדז אויסלייזן".

„נאָר טאָמער נישט — זאָלסטו וויסן, אָ קעניג! אַז דיינע געטער וועלן מיר נישט דינען, און מיר וועלן זיך נישט בוקן צו דעם גאָלדענעם געשטאַלט וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט".

„נאָר טאָמער נישט...!" מען קאָן פאָרזעצן דעם ציטאַט פון פעגי: „איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַ מענטשן, וואָס זאָל אַזוי גלויבן, וואָס זאָל אַזוי באַוווסטזיניק זיין, אַז דער געוויסן פון מענטשן איז אַן אַבסאָלוט, אַן אומבאַזיגבאַרער, אַן אייביקער, אַ פרייער, וואָס שטעלט זיך זיגרייך קעגן, אייביק טריאומפירנדיק, קעגן אַלע גרויסקייטן פון דער ערד".

„וועסט דערהאַלטן אין פולן פרידן, דעם וואָס זיין גייסט שטיצט זיך אויף דיר, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף דיר..."

Este libro se terminó de imprimir el día 22 de junio de 1956, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, S. R. L., calle Corrientes Nº 1976, Buenos Aires, República Argentina.

Título del original:
JEWISH THOUGHT AS A
FACTOR IN CIVILIZATION

Edición autorizada de la colección de la UNESCO
"LA CUESTIÓN RACIAL Y EL PENSAMIENTO MODERNO"

Traducción del original inglés
por MOISÉS SENDEREY

Prólogo del
Dr. AARÓN STEINBERG
Director del Departamento Cultural
del Congreso Judío Mundial

Edición Argentina
Printed in Argentine

Queda hecho el depósito que
establece la ley Nº 11.723

•

LEON ROTH
De la British Academy
Ex rector de la Universidad
de Jerusalem

EL PENSAMIENTO JUDIO COMO FACTOR DE CIVILIZACION

Edición del
DEPARTAMENTO CULTURAL
DEL CONGRESO JUDÍO MUNDIAL
LONDRES — BUENOS AIRES
1 9 5 6